STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10547

IN DIMYEN FARZIGLT

Mosheh Shkliar

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שקליאַר

*

אין דמיון פאַרזיגלט

[illegible]

[illegible]

[illegible]

משה שקליאַר

[illegible], יוני 1975

ביכער פונעם זעלבן מחבר

רויִגען און רושטאָוואַניעס — פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע 1951

טעגלעכע מי — פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע 1954

בלעטערפאַל — פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע 1959

פּשוטע ווערטער — פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע 1962

פּערספּעקטיווער פרילינג — פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע 1966

שירים — עברית : חיים רבינזון, תל אביב 1972

משה שקליאַר

אין דמיון פֿאַרזיגלט

פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ ישׂראל

תל־אביב, תשל״ה — 1975

MOSHE SHKLAR
IN DIMIEN FARZIGLT

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, ISRAEL

©
נדפס בישראל תשל״ה
Printed in Israel 1975

אַלע רעכט געהערן צום מחבר

דפוס אורלי, תל־אביב, טל. 32062



גירוש פוילן

★

די ערד באַגלייט אונדז מיט געוויין,
מיט צער דער הימל איז פאַרהילט,
נאָר עמעץ ווארפט נאָך אונדז אַ שטיין
און שיפּעט דורך פאַרפרעסטע ציין
ווענן יושר און געפיל.

ווען מיר זיי גוט געדענקען —
סיי דעם הימל, סיי די ערד,
צייטנווייז אַפילו בענקען,
אָבער קיין מאָל מער נישט שענקען
די, וואָס האָבן אַלץ צעשטערט —

אונדזער קינדהייט, אונדזער יוגנט,
אונדזער עלטער, אונדזער טרוים,
און פון בייז געמאַכט אַ טוגנט,
פונעם אמת — הוילן ליגן,
פונעם וואָרט — בלויז שוים.

טויזנט יאָר דו האָסט גענערט אונדז
פוילנלאַנד מיט דיינע זאַפטן,
און לסוף דו האָסט פאַרווערט אונדז
צו געניסן פון די פּראַכטן,
וואָס מיר אַליין האָבן געשאַפן.

איצט פאַרלאָזן מיר דיך, פוילן,
און ס'פאַרגייט פאַר אונדז דיין שיַין,
מיט אונדז פאַרבלייבן אַלע גרוילן
און דו אַליין וועסט ענדלעך בלייבן
י ו ד ע נ ר י י ן.

*

אַז ס'וועט נישט בלייבן מער קיין ייִד
אויף ערד דער פּוילישער —
וועמען וועט איר האַסן?
וועמענס טריט
וועט איר פֿאַרפֿאָלגן
אויף די שטילע גאַסן,
וואָס וועלן אויסגיין,
ווי די צאַנקענדיקע ליכט?

איר וועט קוקן מיט פֿאַרדאַכט
אינעם אַנדערנס געזיכט
און וואָיען ווי די וועלף ביי נאַכט
אין טיפֿן אורוואַלד
און שרעקן וועט אייך יעדער שאָרך
פֿון פֿייגל אויף די צווייגן
און איר וועט מוזן שווייגן, שווייגן — — —

און בלויז די איינציקע פֿון צווישן אייך,
וואָס ווייסן נאָך פֿון מענטשן־ווייען,
וועלן פֿרווון אינעם בלויען טייך
פֿונעם שאַנדפֿלעק זיך באַפֿרייען.

*

בלייבן וועלן בלויז בית־עלמינס
אויף דער ערד, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן,
און ס׳וועט נישט זיין מער ווער ס׳זאָל גיין
אויף קבר־אבות.
בייזע ווינטן וועלן בלאָזן
צווישןביימער
און די מתים וועקן.
איינזאַם וועט דער געטאָ־דענקמאָל שטיין
און איר וועט שענדן אים
מיט אייער פאַלש געוויין,
און ס׳וועט אייך שרעקן
יעדער שאָטן,
וואָס דערמאָנען וועט אַ לעבעדיקן ייִד.

און מיר וועלן אין הארצן טראָגן
איבער גאָר דער וועלט
דעם פולן לאָגל
סם,
וואָס איר האָט אונדז
ווי לעצט געלט,
מיטגעגעבן
אויפן גאַנצן לעבן.

איר האָט געוואָלט

איר האָט געוואָלט אַ נאַקעטן
מיך לאָזן אין דער וועלט,
פון האַרץ אַרויסרייסן דאָס לעצטע ליד
און פרעמד זאָל זיין מיר יעדעס פעלד
צעאַקערטע
און אייביק פלאַקערן
די ערד זאָל אונטער מיינע טריט.
און בלייבן זאָל איך שטום און בלינד,
ווי אַן אָפּגעהאַקטער בוים
אָן וואָרצלען און אָן צווייגן,
און ס׳זאָל דער ווינט
מיך וואַרפן אינעם תהום,
וווּ קיינער וועט פאַרבייגיין.

איר האָט פאַר מיר אויף ס׳ניי צעצונדן
שייטערהויפנס
און געפּרוּווט פאַרקויפן
מיינע וווּנדן,
און געשריגן האָט איר ווילד —
פאַררעטער,
טאָג און נאַכט געבילט
אין עטער
וועגן מיינע זינד
די קיין מאָל נישט באַגאַנגענע.

נאָר איך האָב זיך אַרויסגעריסן
פון געפאַנגעניש
און ווי אַ ניי־געבוירן קינד
דער גאַנצער וועלט געלאָזן וויסן —
איך קום צו דיר
אַ ריינער,
נעם מיך אויף, אַ, גרויסע ערד,
פאַרהיט מיך פונעם מבול שטיינער
און פון דער שווערד,
וואָס פאָכעט אַלץ נאָך איבער מיר
אין מיין געוועזן הימלאַנד.

פאַר וואָס?

פאַר וואָס איך בין אַוועק?
נישט שרעק
נאָר שטאָלץ האָט מיך באַוויגן.
איך בין שוין צוגעווינט צו שטאַרבן.
דעם טויט געקוקט כ׳האָב אין די אויגן
יעדן טאָג
און אין מיין שאַרבן
געקלונגען האָט ער, ווי אַ גלאָק:
שוין צייט, שוין צייט.
נאָר איך האָב זיך אַרויסגעוויקלט
פון זיין קייט
צום ווייפלטן שוין מאָל
און מיט די בליקן שאַרפע
ווידער אויפגעשטיגן פונעם טאָל,
ווו ס׳האָט אַ פאַלשע האַרפע
מיך געפרווט פאַרוויגן.

נישט שרעק, נאָר שטאָלץ האָט מיך באַוויגן.
זיי האָבן דאָרט
מיין שטאַם באַשפיגן,
מיין לעבן און מיין טויט
פאַרוואַנדלט אין אַ קאָרט
מיט רויט און שוואַרץ פאַרצויגן
און געוואָרפן דעם המון,
וואָס האָט דער מיניענדיקער קרוין
געוואָלט מער דינען.

האָב איך דאָס אַלץ פֿון זיך אַראָפּגעוואַשן
און איבער טלי̇ענדיקע אַשן
כ׳בין אַוועק
אין ווייטן וועג
אַליין זיך אָפּגעפינען.

ווער ?

ווער וועט אויפרייסן מיין נאַכט —
אַ גוטער, צי אַ בייזער מלאך ?
צי וועט ער מאָנען חשבון פאַר די באָמבעס,
וואָס האָבן נישט באַוויזן פאַלן
אויף תל-אביב, ירושלים ?
צי וועל איך מוזן צאָלן אויך דערפאַר,
וואָס ער קאָן זיין רחמנות
נישט אַרויסווייזן צו מיר,
ווייל מיינע ברידער האָבן שטאַרבן נישט געוואָלט ?
אָ, ער איז דאָך ווי אַ מילגרוים
מיט רחמנות-קערנער פול
און האָט נישט ווו זיי צו פאַרווענדן !
ער וואָלט גרייט געווען מיט גאָלדענע טרערן
אַלע קברים זייערע פאַרוואַשן —
און אין צווישן אויך מיין קליינעם קבר
אויף דער פרעמדער ערד —
און מיט פרייד אין אַלע פויקן קלאַפּן
פאַרן שלום אין די טויטע הייזער.

און ווייל זיי האָבן שטאַרבן נישט געוואָלט
מיינע ברידער ביי דעם ים דעם רויטן,
און ווייל זיי האָבן שטאַרבן נישט געוואָלט
מיינע ברידער אויף די זאַמדן הייסע,
און ווייל איך האָב באַוווּנדערט זייער מוט
ביי די ברעגן פון דער בלויער ווייסל —
קומט ער אויפרייסן מיין נאַכט
דער גוטער מלאך מיט דעם בייזן שמייכל.

ווי ראָבן

זיי האָבן ווי ראָבן געקראַקעט
געפּיקט מיט די שנאָבלען מיין מוח
ביי טאָג און ביי נאַכט,
און געלאַכט און געלאַכט,
ווען כ׳בין נאַקעט
אַרום פונעם פייער און רויך
וואָס געדאַרפט האָט פאַרברענען,
דערשטיקן אין מיר
דעם מענטש און דעם ייִד.
היינט שטייט דאָרט אָפן די טיר
פון מיין ליידיקן הויז
נאָכן שניט
און פאַרבעט מיט ווילקאָמען די פּוסט,
וואָס האָט אַלץ נישט פאַרענדיקט,
זי זאָל קומען אַהין
פון אַלע עקן
לאַנד
און פאַרוואַשן די פלעקן
פון שאַנד,
וואָס וועלן שוין בלייבן
אויף שטענדיק.

צו פוילן

1

מיין ביטע וועגן אָפּזאָגן זיך
פון פוילישער בירגערשאַפט

די ערד די פוילישע, וואָס האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט
אַזוי פיל ייִדיש בלוט און טרערן,
געוועזן איז מיר נאָענט,
ווי דעם אייגן לייב דאָס העמד.
נאָר איצט איך וויל מער נישט צו דיר געהערן,
ווייל האָסט געצוווּנגען מיך
צו זיין ביי זיך אין הויז,
ווי אין דער פרעמד;
ווייל דו האָסט ווידער אויפגעשטעלט צווישן מיר און שכן
די אַלטע שׂנאה-וואַנט.
איך זאָג זיך אָפּ.
כ׳וויל מער נישט זיין קיין בירגער פונעם לאַנד.

דיין אָדלער, מיט און אָן דער קרוין,
מיר שטעכט איצט אין די אויגן,
נאָר איך האָב אויסגעלערנט זיך
דעם רוקן מער נישט בויגן,
אָן אויסגעגלייכטער — שטאָלץ דעם קאָפּ פאַרהויבן.
איך גיי אַוועק
און דו שמיר אוים אַליין זיך אינעם דרעק
וואָס האָסט געוואָרפן טאָג און נאַכט
אין מיינע שויבן.
זאָל זען די גאַנצע וועלט דיין שאַנד.
איך זאָג זיך אָפּ.
כ׳וויל מער נישט זיין קיין בירגער פונעם לאַנד.

פון מיין האַרצן כ׳וועל פאַרטרייבן די נאָסטאַלגיע;
דיינע לאַנדשאַפטן — פון מיין זכרון.
אַפילו דעם גערויש פון וואַלד און טייך,
וואָס האָט באַצויבערט מיינע קינדער־יאָרן.
כ׳וועל זיך באַמיִען צו פאַרגעסן,
ווי מען פאַרגעסט דעם פאַראַיאָרעדיקן שניי.
ווייל דו האָסט שוין געזאָרגט דערפאַר,
אַז אַלץ פאַרשטעלן זאָל דער ווײ
פון די פאַרשאַפטע ווונדן
וואָס גליִען מיט אַ פייערדיקן בראַנד.
איך זאָג זיך אָפּ.
כ׳וויל מער נישט זיין קיין בירגער פונעם לאַנד.

ווייל דו האָסט אין פאַלשן אינטערעס פון פאַלשן ברודער —
דיין גרויסן שכן —
געוואָלט מיין פאָלק פאַרניכטן
אויף זיין שטיקל פרייער ערד,
און שפּעטער, מיט פאַלשע טרערן, וויינען נאָך אים,
און אפשר צינדן יאָרצייט־ליכטער,
ווי נאָך די געטאָ־העלדן,
וועמענס נאָמען האָסט נישט איין מאָל
שוין באַדעקט מיט שאַנד.
איך זאָג זיך אָפּ
איך זאָג זיך אָפּ,
כ׳וויל מער נישט זיין קיין בירגער פונעם לאַנד.

צו פוילן

2

שפּיי נישט אין ברונעם
פון וועלכן דו האָסט געטרונקען...
(פון דער פּוילישער פּרעסע)

יאָ, מיר האָבן געגעסן דיין ברויט,
געטרונקען פון ברונעם דיין וואַסער,
נאָר דו האָסט אונדז קיין מאָל געטרויט
און קיין מאָל נישט אויפגעהערט האַסן.

האָסט שטענדיק געקוקט אונדז אין מויל,
געציילט יעדן שלוק, יעדן ביסן,
און דיין בליק האָט געשׂרפהט, ווי קויל,
ווען דו האָסט גערעדט פון געוויסן.

היינט ווילסטו מיר זאָלן זיין שטיל,
אין ברונעם מיר זאָלן נישט שפּייען,
פאַרגעסן, אַז ס׳האָט נישט געקילט
דיין וואַסער — געברענט אונדז ווי פייער,

אַז ס׳האָט אונדז געשטיקט אין דער קעל
דער ביסן ביז נישט צום פאַרדייען,
ווען געשטאַנען מיר זענען ביים שוועל
פון טויט נישט געהערט האָסט די ווייען.

איז ווי אַזוי קאָנען מיר שווייגן,
דער וועלט אין דיין שאַנד נישט דערמאָנען
און אַלץ וואָס געשען איז פאַרבייגיין
און לאָזן זיך ווייטער פאַרסמען?

ס'איז פול נאָך דיין ברונעם מיט שמוץ
און ס'שפיגלט אין אים זיך דיין שנאה
צום ייִדן, וואָס האָט אַ מאָל שוין
געזוכט ביי דיר און נישט געפונען.

קאָן זיין, אַז דו וועסט נאָך אַ מאָל
אונדז דאַנקען פאַר שפייען אין ברונעם,
ווען ריינער וועט ווערן דיין קול,
וואָס וועט פון די טיפקייטן קומען.

פוילישע יידן

1

וואַרשעווער, לאָדזשער און ביאַליסטאָקער,
בריסקער און ווילנער און איישישאָקער,
פינסקער, וואָלינער און גאַליציאַנער —
ווי זייער וויגל איז אַלץ נישט געשטאַנען!

די ווייסל, דער בוג, דער נאַרעוו און פינע —
זייער געוויין און געלעכטער פאַרנומען,
מיט זייערע פריידן און ליידן געגערט זיך,
צום קלאַנג פונעם לשון לאַנג צוגעהערט זיך.

טייכן און וועלדער גערעדט האָבן יידיש,
פייגל געשפּילט אָרעמאַנסקע-נגידיש,
מיט יידישן ניגון געוויגט זיך די לאַנען,
ווי זיי וואָלטן יידישע תפילות דערמאָנען.

געוואַקסן מיט זיי יעדער שטיין, יעדע מויער
און זיך פאַרצויגן מיט יידישן טרויער,
שטעטלעך פאַרפולט האָט אַ יידיש געפּילדער,
בלויז אין די נעכט האָט געשראָקן די שטילקייט.

איין קעניג גערופן, דער צווייטער געטריבן,
און זיי זענען ווידער אויף ערד דער פאַרבליבן,
ווידער געטיילט מיט דעם פאָלק דאָ דעם גורל,
פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס געגאַן איז פאַרלוירן.

אזוי זענען הונדערטער יאָרן פאַריבער,
דער דלות געוווינט האָט אין יידישע שטיבער;
אויף בעסערע צייטן נישט אויפגעהערט האָפן
און ווען מען באַדאַרפט האָט, געגרייכט אויך צום וואָפן.

מיט אייגענעם בלוט האָבן ערד זיי באַפרוכפּערט
אין קאַמף קעגן שׂונאים און היימישן אומרעכט,
פון אינסורעקציעס אין פּאָדערשטע רייען
געגאַן זענען יידן מיט בערד און מיט פּיאות.

דאָ האָבן גייסטער פון תורה און וויסן
פאַר קיום פון פאָלק זיך געראַנגלט פאַרביסן
און קיין מאָל נישט איבערגעריסן צו וועבן
דאָס פּילפּאַך־קאָלירקע יידישע לעבן.

2

אַלץ האָט די ברוינע מגיפה פאַרשניטן,
אַוועק איז דאָס אַלץ מיטן רויך און מיט פייער.
אַ הייפל געבליבן אויף גריבער פאַרשיטן
און פרוּוון דאָס יידישע לעבן באַנייען.

געדאַכט האָט, אַז איצט וועט נישט זיין מער
קיין שטערונג —
דער צוזאָג געוועזן, איז: פאַר אַלעמען פרייהייט,
צו שאַפן אויף ס'ניי און די אוצרות פאַרמערן,
עס זאָלן די וואָרצלען אויף ס'ניי דאָ געדייען.

איז ווער האָט געקאָנט דעמאָלט וויסן, באַנעמען,
אַז פֿאַלש איז דער צוזאָג און פֿאַלשע די געטער,
וואָס האָבן פֿון פֿרייהייט געמאַכט אַ גיהנום,
מיט צביעות און שקר דאָס לאַנד אָנגעזעטיקט.

לאַנג האָבן ייִדן געלאָזט זיך גענאַרן,
מיט האָפֿנונגען פֿאַלשע געלעבט ווי פֿאַרבלענדטע,
פּוילישע ייִדן, וואָס אַלץ שוין דערפֿאַרן —
ווידער געבליבן זיי זענען געשענדטע.

אָ, לאָזט זיך נישט שענדן מער, פּוילישע ייִדן —
וואַרשעווער, לאָדזשער און ביאַליסטאָקער,
בריסקער און ווילנער און איישישאָקער,
פּינסקער, וואָלינער און גאַליציאַנער,
איר אומעטומיקע, ווו ווער פֿון וואַנען —
דאָס לעבן מען דאַרף אויף דאָס ניי איבערשמידן.

איך האָב אַרויסגעריסן

איך האָב פון האַרץ אַרויסגעריסן שטיקער לעבן
און ס'איז מיר נישט געוואָרן גרינג דער ווייטערגאַנג.
שאָטנס פונעם נעכטן אַלץ אַרום מיר שוועבן,
ווי דער טויבער עכאָ פון אַ פאַלש געזאַנג.

זיי פּרוּוון נאָך די שײַן פון טאָג מיר צו פאַרשטעלן,
אַז כ'זאָל אין פינצטערניש פאַרבלייבן איינגעהילט,
און ווען עס נעמט אַ שטראַל פון ערגעץ ווידער העלן —
זיי ווערן ווי אַ בייזער ים צעשטורעמט, ווילד.

שאָטנס, גייט אין אייער רו — איך רוף — פאַרשווינדט!
קאָן דען האָבן נאַכט אויף מאָרגנשײַן אַ שליטה?
אויב בלויז אַ ברעקל שײַן נאָך דאָ, איך וויל אַצינד
פאַרהיטן עס ביזן לעצטן האַרצן־ציטער.

ביים שיידוועג

מיר האָבן זיך אַ מאָל צעשיידט —
און נישט געטראָפֿן,
זינט דאַן איז שוין אַזוי פֿיל צייט
פֿאַרלאָפֿן.

איצט קום איך דאָרט אַהין אויף ס'ניי —
אין חלום.
און אַ פֿאַרלוירענער כ'בלייב שטיין
ביי פֿרעמדע טאָלן.

געבליבן איז דאָרט בלויז אַ בוים —
אַ שטומער עדות.
אפשר זעט ער אויך אין טרוים
יענע צעשיידונג?

כ'האָב מורא פֿאַר דעם בוים דעם אַלטן:
זיינע בליקן
ווילן דאַכט זיך, מיך פֿאַרהאַלטן
און דערשטיקן.

שאַטנס

איין באַרג וואַקסט אַריבער דעם צווייטן,
פעלזיקע הויקערס פאַרהייבן די קעפּ;
אין טאָל איז נאָך נאַכט, נאָר פון ווייטן
עס קלעטערט דער טאָג שוין פּאַוואָליע אויף טרעפּ.

דער וועג, ווי אַ שלאַנג, ציט זיך אויס און פאַרדרייט זיך,
ווער ווייסט, צי ער פירט מיך נישט ווידער צוריק;
אַ שאָטן יאָגט נאָך מיך און ערגעץ ער מיידט זיך
מיט דער פאַרלוירענער רו פון מיין בליק.

זאָלן זיי בלייבן דאָרט הענגען אין צווישן
— דעם טאָג און דער נאַכט און די בערג און דעם טאָל
אויב מיר איז באַשערט נאָך פון לעבן געניסן
באַגלייטן זאָל מיך נישט קיין בייז ווידערקול;

קיין פינצטערער שאָטן אין מיטן פון וועג
זאָל זיך נישט לייגן מער אונטער די טריט,
און ווייסן כ׳זאָל מער פון קיין אומרו און שרעק
אין מיין ווידערגעבוירענעם ליד.

שאָטנלאַנד

אַזוי פיל ליכט האָט זיך צעשפּילט
פון הימלראַנד ביז הימלראַנד
און איך בין אַלץ נאָך איינגעהילט
אין פינצטערניש פון שאָטנלאַנד.

צו מאָל איך רײַס פון איר אַרויס
דעם קאָפּ און שטרעק אים צו דער ליכט,
נאָר ס׳שווימט אַראָפּ די שײַן, גייט אויס
אויף מײַן פאַרשאָטנטן געזיכט.

און ווידער בלײַב איך איינגעהילט
אין פינצטערניש פון שאָטנלאַנד.
צי האָב איך טאַקע אַלץ פאַרשפּילט
און כ׳וועל נישט דורכברעכן די וואַנט?

צי וועל איך אייביק שוין אַזוי
לעבן צווישן שאָטן־שײַן.
דער טאָג וועט שטענדיק זײַן מיר גרוי
און מיט דער גרויקייט כ׳וועל פאַרגיין?

אָ. ניין, עס שאָטנט שוין אַוועק
דאָס שאָטנלאַנד, און אויב אַליין
כ׳וועל נישט דערגרייכן שוין צום ברעג
זאָל כאָטש מײַן ליד אַ פאַקעל זײַן.

די אָוונטן ווערן אַלץ שטילער

די אָוונטן ווערן אַלץ שטילער
און קילער,
און לענגער — די נעכט;
און טיפער עס ווערט אַלץ
די פוסטקייט
וואָס פלעכט
מיך אַרום, ווי אַ צוים,
אַז קוים, קוים,
איך קאָן
צו מיין אייגענעם שאָטן
דערגרייכן.

אַ באַרג האָט פאַרשאָטן
די שטערן,
וואָס פלעגן מיר לייכטן
אויף יאָרן פאָרויס,
און אַלץ וואָס געווען
און געדאַרפט האָט נאָך קומען —
איז אויס.

איך הער איצטער בלויז
דאָס ברומען
פון חיות,
וואָס הערן נישט אויף צו באַשמעקן
די שפורן פון מיינע טריט
און זוכן
דעם ייִד.

איך קאָן זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען

איך קאָן זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען
פון יענע קאָשמאַרפולע טעג —
דעם זומער מיט שטורעם־זאַווייען,
דעם ווינטער — אַ ווייסן פון שרעק,

ווען ס׳האָבן פאַרדאַכטיקע שאָטנס
געשלייכט זיך פון נאָענט און ווייט
און ס׳איז מיר געוואָרן פאַרבאָטן
די מענטשלעכע אומעט און פרייד,

און ס׳איז מיר געוואָרן פאַרבאָטן
צו גיין אויף דער היימישער ערד;
דער וועג, וועלכן איך האָב באַטראָטן,
געווען איז אַ שאַרף פון אַ שווערד.

חדשים און יאָרן פאַרגייען,
עס מיניעט שוין ערגעץ דער ברעג —
נאָר איך קאָן זיך אַלץ נישט באַפרייען
פון יענע קאָשמאַרפולע טעג.

משה

אורזיידע מיינער,
וואָס באַשאַנקען האָסט מיך מיט דיין נאָמען —
איך קוש איצט די שטיינער,
פון וועלכע דו ביסט אויסגעהאַמערט.
אַ פרעמדער דו שטייסט אין דער רוימישער קירכע
און וויט גרייכט דיין בליק
און בלעטערט אויף ס'ניי די געשיכטע
פון פאָלק דעם באַפרייטן פון קייטן און שטריק.

איך קום איצט פון דאָרט, ווו באַפוילן
מען האָט אונדז אין וואַנדער —
פּה לין,
נאָר איך האָב קיין רו נישט געפונען
אין לאַנד דעם,
ווו בליצן און דונערם
און רעגנס און שנייען
האָבן מיין פּנים פאַרביטן.

און דאָך, כ'בין געבליבן דער זעלבער —
פאַרווינטיקט, פאַרוויעט,
נאָר ערגעץ אין מיטן
דער זון פונעם מדבר און פעלדער,
דיין איייניקל, משה,
וואָס קומט איצט צו דיר אויף דאָס ניי
נאָך די לוחות, וואָס רוישן
מיט ווינד און מיט וויי
פונעם לויטערן אמת.

דוד

שטאָלץ,
דעם קאָפּ פאַרהויבן,
אָנגעשפּאַנט אַ יעדער גליד —
אַזוי שטייט ביז היינט
אַנטקעגן דעם שׂונא
דער יונגער דוד.
פון יעדן שטריך
עס שפּראָצט מיט גבורה —
פון די אויגן
ביז די פינגער־שפּיצן,
נישט קיין שטיין
ער וואַרפט אין גליתן,
נאָר פייערדיקע בליצן.
אין נאָמען פונעם פאָלק
ער גייט נאָך אַלץ אין שלאַכט
און פון נצחונדיקן שאַל
צעשפּאָלטן ווערט
די נאַכט.

ECCE HOMO

דער קאָפּ אין אָרעאָל געהילט,
די הענט געשמידט אין קייטן —
אָט איז דער מענטש,
וואָס האָט געוווּנען און פאַרשפּילט
אייניצייטיק.
ער גרייכט צום הימל,
זוכנדיק באַשייד
פון טויט און לעבן,
פון פינצטערניש און ליכט,
פון טרויער און פון פרייד,
פון כסדרדיקן שטרעבן
צום אָפּגעפינען זיך
אַ גאַנצן,
אַ באַפרייטן.
ער האָט שוין באַלד דערקענט
אַלע פלאַנצן,
בעלי חיים,
נאָענטן און וויטן,
און ס׳איז זיין בליק, נאָך אַלץ געווענדט
אַהין,
ווו ס׳קרייצן זיך די וועגן,
ווי אַ שער,
און פרעגן —
ווער איז ער, ווער?

מיין שטערן

פאַרטיפט אין זיך אַליין
און אין דעם אַנדערן,
ווי אַ שטערן כ׳וועל פאַרגיין
אין מיטן וואַנדערן.

און קיינער וועט נישט זען
און קיינער וועט נישט הערן, —
אַ שטערן איז געווען,
צי נישט געווען קיין שטערן.

בלויז ערגעץ ווו אין רוים,
אין וייטן אומגעהויערע,
מיין שטערן וועט קוים-קוים
מיניענדיק זיך — דויערן.

ווענן מיינע

ווענן מיינע, דאַרנדיקע, האַרטע,
וואָס פאַרוואונדן די נשמה
און גייען אָפּ מיט בלוט פון האַרצן —
פלעקן שוואַרצע
צווישן תהומען.
ווו וועט איר מיך פירן
ווענן מיינע, ווייטע —
צו אַ וועלכע טירן,
צו אַ וועלכע שייטערס ?
ווו וועט איר מיך לאָזן —
ווענן מיינע, קרומע ?
אונטער וועלכע גראָזן
וועל איך בלייבן שטומען ?

איך האָב אַ חשבון

איך האָב אַ חשבון מיט דער וועלט —
נישט זי, נאָר איך מוז צאָלן.
איך האָב נאָך קיין מאָל נישט פאַרפעלט
צו זיין דער קרבן און דער העלד
און פאַלן אין די טאָלן.

און זי, די וועלט, האָט נישט געקאַרגט
קיין שטיינער פאַר די גריבער.
היינט דריקט אויף מיר אַ ריזן-באַרג,
נאָר איך בין אַליין גענוג נאָך שטאַרק
און שטייג דעם באַרג אַריבער.

און ווידער בין איך גרייט צו גיין
אַנטקעגן די גורלות
און אומעטום נישט זיין און זיין,
און ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין
און צאָלן, צאָלן, צאָלן.

פאַר יעדן פייער, יעדן פלאַם,
פאַרגרייט מיך צו פאַרצוקן,
פאַר געטאָס און עלילות-דם,
פאַר בלוט, וואָס ברויזט אַלץ, ווי אַ ים,
און פאַר רחמנות-בליקן.

מיין חשבון, ווי דער גלות, לאַנג,
ווערט מער נאָך אָנגעשוואָלן.
נאָר איך האָב איצט בלויז איין פאַרלאַנג —
עס זאָל דער לעבעדיקער קלאַנג
פון ליד פאַר אַלץ באַצאָלן.

לאָז מיך

לאָז מיך אָפּכאַפּן דעם אָטעם,
כ׳בין שוין מיד.
ס׳האָט געלייגט זיך היינט אַ שאָטן
אויף מיין ליד.

פּרוּווט אַ שורה זיך נאָך רייסן
פון זיין צוואַנג,
נאָר זי שטאַרבט אין בלוט איר הייסן
אָן אַ קלאַנג.

פליסטער איך בלויז אין דער פּוסטקייט
פון אַרום:
לאָז מיך נישט אין אומבאַוווּסטקייט
בלייבן שטום.

לאָז מיך ביזן סוף דערזינגען
נאָך מיין ליד.
הער, אין האַרצן ווערטער קלינגען —
העל צעגליט.

דערמאָנונג

נישט די מוזיק די ווייטע און שטילע
מאַכט מיך אַזוי ציטערן,
און נישט אַפילו
די סטאַקאַטאָס,
וואָס רייסן זיך אַריין אין מיטן,
ווי זיי וואָלטן צעשפּליטערן
די נאַכט.
נישט די מוזיק —
ס'איז בלויז דער עכאָ,
וואָס זי האָט געבראַכט
און מיך געפירט צוריק
צום רויש פון בלעטער אויפן ווינט
און דעם פאַרהאַרכטן קינד,
וואָס האָט געיאָגט זיך נאָכן קלאַנג
צווישן די צווייגן,
געיאָגט זיך אַזוי לאַנג
ביז ס'האָט אים איינגעהילט
אַ פינצטער שווייגן.

די בלעטער רוישן אַלץ אין ווינט,
ווי שטענדיק, ווי אַ מאָל,
נאָר וווּ איז איצט דאָס קינד,
דאָס קינד וווּ איז? —
צי הער איך נישט זיין קול
אין יענע ווייטע קלאַנגען, אין די שטילע,
ווי זיי וואָלטן געטאָן פאַר אים איצט תפילה?

אומעט

אומעט, אומעט — אומעטום,
טוייַק־בלוייַק איז אַרום
און קיין עכאָ — אַלץ איז שטום.

בערג אויף בערג און זאַמד אַ ים,
בלויז ערגעץ ווייט אַן אַלטער שטאַם
פאַרזונקען ווערט אין שקיעה־פלאַם.

זיין שאָטן ברעכט זיך איבער קרום
און ס'וויגט דער ווינט אים מיט געברום —
אומעט, אומעט — אומעטום.

אַ צווייַג אין ווינט

צי האָב איך אויסגעוויילט אַליין פֿאַר זיך דעם גורל,
צי האָט אים עמעצער געהאַט פֿאַר מיר פֿאַרגרייט,
נאָר סיי ווי סיי אין צווישנוועג כ'האָב זיך פֿאַרלוירן
און געבליבן כ'בין פֿאַרפּלאָנטערט אין דער קייט,
וואָס בייסט זיך איין אין אַרעסטאַנט מיט אירע רינגען
און זיי ווערן אייגן אים, ווי זיינע פֿינגער.

בין איך נישט דערגאַנגען, ווו איך האָב געדאַרפֿט דערגיין
און געבליבן כ'בין — אַ צווייַג אין ווינט צעטרייסלט,
און געבליבן כ'בין — מיט זיך און נישט מיט זיך — אַליין,
עס יאָגט מיך נאָך מיט אַ געברום די שטילע ווייסל,
וועמענס טוי איך פֿיל נאָך אויף מיין אָפּגעבריטער הויט,
נאָר שטאָט לעשן — זי צעצינדט זיך בראַנדיק־רויט.

דאַרף מען איצט די הויט פֿון זיך אין פּאַסן רייסן
צוזאַמען מיט די קייטן און די פֿינגער —
אָפּגעוואַשן אינעם פֿיין פֿון זיבן שווייסן,
אפֿשר וועט דער גראָדער וועג מיר ווערן גרינגער,
און איבער באַרג־שפּיצן איך וועל אַריבערשפּאַנען
אַהין, ווו כ'בין נישטאָ און כ'בין פֿאַראַנען.

פשוט — אַ ייד

איך בין שוין געווען אַ „יעוורעי” און אַ „זשיד”
און איצט אויף אַ נאָווינע בין איך אַ „דזשו”.
אָ, לאָזט מיך, אָ, לאָזט מיך, זיין פשוט אַ ייִד,
און וויסן איך זאָל נאָך אַ מאָל וואָס איז רו.

אַזאַ איז אַצינדער מיין טיפסטער באַגער:
נאָך שטורעמס און וויטיק — אַ רויִק געמיט,
און האָס און רחמנות נישט פילן כ'זאָל מער —
אָ, לאָזט מיך, אָ, לאָזט מיך זיין פשוט אַ ייִד.

ווי לאַנג ס'איז באַשערט מיר צו זיין ווי אַ בוים,
וואָס האָט שוין געוויאַנעט און ווידער צעבליט,
פאַרשטעלנדיק מיט זיינע צווייגן דעם תהום —
אָ, לאָזט מיך, אָ, לאָזט מיך זיין פשוט אַ ייִד.

איך וויל נאָך געניסן פון וואָכיקער מי,
און שבת זאָל אויפגיין פאַר מיר, ווי אַ ליד,
און תפילה טאָן וועל איך אַ יעדן פאַרפרי —
אָ, לאָזט מיך, אָ, לאָזט מיר זיין פשוט אַ ייִד.

אַ ייִד צווישן ייִדן

אַ ייִד צווישן ייִדן איך שפּאַן אויף דער ערד
פון ייִדישן לאַנד. די זון איז צעגליט,
און פּונקט ווי די זון איז צעגליט מיין געמיט —
אַ ייִד צווישן ייִדן איז זיין מיר באַשערט.

זאָל זיין אויף אַ ווייל בלויז, אַ רגע נישט מער —
איך ווייס כ׳וועל מיין האַרץ איבערלאָזן דאָ הי,
ווי אַ גראָשן מען לאָזט אין פאָנטאַן די טרעווי
אויף קומען צוריק און נישט זיין מער קיין גר.

און נישט קוקן פון ווייט מיט פאַרוווּנדערטן בליק
אויפן נס, וואָס געשעט דאָ טאָג־ איין און טאָג־אויס,
ווען אַ פאָלק, וואָס אין בלוט איז פון מדבר אַרויס,
בויט אין בלוט און אין שוויים צו דעם מאָרגן אַ בריק.

אַ ייִד צווישן ייִדן, פון יעדער זייט — ייִד.
איז גוט אַזוי שפּאַנען שטאָט־אויס און שטאָט־איין,
און וויסן און פילן — דו ביסט נישט אַליין,
ווי ס׳קאָן נישט אַליין זיין דער קלאַנג פון אַ ליד.

כנרת

אין שטילער פֿאַרנאַכטיקער שעה
דער הימל הענגט רויק און בלאָ
אַריבער כנרת דעם ים.
פֿון בערג פֿאַלן שאָטנס צום דנאָ
אין שטילער פֿאַרנאַכטיקער שעה
און לעשן דעם זוניקן פֿלאַם.

די פֿישער געגנענען צום ברעג,
אַ מיפֿולער טאָג איז אַוועק —
איצט לאָדן זיי אויסעט דעם פֿאַנג.
אויף פֿנימער שטייט נאָך דער פֿלעק
פֿון מיפֿולן טאָג וואָס אַוועק
און פֿול ווערט די לופֿט מיט געזאַנג.

פֿון ווייט כ׳האָב פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער
און כ׳שפּיין איצטער אָן מיין געהער —
אין האַרצן שניידט איין זיך דער קלאַנג:
כנרת, כנרת, כנר ———
ווי שווער איז זיך שיידן, ווי שווער,
מיט אָט דעם פֿאַרבענקטן געזאַנג.

אין טאָל פון טויט

די פֿאַרבראָכענע הענט פֿון מיין מאַמען

אומעטום זע איך זיי ווידער,
זיי ברעכן אין פּיין זיך צוזאַמען —
צוויי ליכטלעך, אַ טיש און אַ סידור,
דערנעבן די הענט פֿון מיין מאַמען.

פֿאַרבראָכענע הענט פֿון מיין מאַמען
ביים שוועל פֿון דער אָפֿענער טיר —
צוויי בלאַסע פֿאַרציטערטע פֿלאַמען
גייען אין פֿוסטריט נאָך מיר.

זיי גייען פֿון וויט מיר אַנטקעגן
און וועבן אַרום מיינע טריט זיך,
די פֿלאַמען, זיי שרייען אויף וועגן:
היט זיך, אַ, זון מיינער, היט זיך!

אָ, מאַמע, כ׳וועל היטן, פֿאַרהיטן,
דאָס לעבן אויף חרובע שטאַמען —
כ׳זע ליכטלעך, אַ טיש, און אין מיטן
עס ברענען די הענט פֿון מיין מאַמען ———

געבעט צו דער מאַמען

איך בין שוין אַזאַ גרויסער
און דאָך נאָך אַלץ אַ קינד —
מאַמע מיינע, טייערע,
זיי מוחל פאַר די זינד,

וואָס איך בין שוין באַגאַנגען
און וואָס כ׳וועל נאָך באַגיין —
מאַמע מיינע, טייערע,
בלויז דו קאָנסט מיך פאַרשטיין.

זע, די האָר שוין גרויען זיך
ביי דיין פאַרשייטן זון —
מאַמע מיינע, טייערע,
דאָס איז נישט פון דער זון.

אַש פון צייט האָט אָפּגעפאַרבט
אין גרוי אַ יעדע האָר —
מאַמע מיינע, טייערע,
איך טראָג די לאַסט פון דור,

וואָס אין בלוט אַדורכגעשפּאַנט
עס האָבן זיינע טריט —
מאַמע מיינע, טייערע,
עס רוישט נאָך אַלץ דאָס בלוט.

ווי אַ ים עס רוישט אין מיר,
ווי בראַנד־פייער עס גליט,
און דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט זיך
ביי דיין זון — אין ליד.

איז דאָס נישט קיין זינד געווען,
בלייבט דאָס נישט קיין זינד? —
מאַמע מיינע, טייערע,
זיי מוחל דיין גרוים קינד.

מיין זיידע

עס נעענטערט זיך פון ערגעץ ווייט,
פון איבער טויזנט שקיעות און קאַיאָרן
אַ ווידערקול פון טריט, שאַ, עמעץ גייט.
ער זוכט עפּעס. וואָס האָט ער דאָ פאַרלאָרן?

וואָס זוכט ער צווישן בערג פון אַש,
צווישן גריבער אָנגעפילט מיט ביינער?
וואָס וועקט ער טויטע מיט דעם רעש
פון טריט אויף וויסטע שטיינער?

ער קומט אַלץ נעענטער, און זיין געזיכט
אַנטפּלעקט זיך מיר, ס׳איז נישט קיין פרעמדער.
מיין זיידע גייט. דאָס זוכט ער מיך
צווישן אַש פון די געשענדטע———

איך וויל אַ רוף טאָן: זיידע, זיידע!
אָבער באַלד האָט ער אַליין דערקענט מיך.
אָט שפּאַנען מיר אַוועק שוין ביידע,
ער נעמט אַרום מיט זיינע הענט מיך.

ווי אַ בלינדער אַ מטבע,
טאַפּט ער אוים מיר יעדעס אבר,
זאַפּט זיך אָן מיט מיינע ווייען,
הויכט אויף מיר אַרויף מיט קבר.

און מיר גייען איבער שנייען,
צווישן שקיעות און קאַיאָרן.
ס׳וויל די נאַכט נאָך נישט פאַרגייען,
נאָר דער טאָג ווערט שוין געבאָרן.

מאָלצייט

דער ווייַן ווײנט אַריין אין די כוסות,
וואָס זענען צעשטעלט ביי די ראַנדן פון טיש,
ווי די שטערן פונעם „גרויסן בער"
מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ:

פיר —

די ארבע כוסות פינקלען
אין אָוונטיקער שיין
און לעשן זיך פּאַמעלעך
אויף די ליפּן
פון די געסט — מיינע אומגעבראַכטע ברידער.

אַ בוים אין געטאָ

דער בוים האָט פאַרבראָכן די הענט — זיינע צווייגן,
צעפּלאָשעט די גאָלדענע בלעטער — די האָר.
און איך הער זיך איין, ווי אין פאַרכטיקן שווייגן,
ער ווײנט אויף מיין יונגן פאַרשניטענעם דור.

ער שעפּטשעט צו ערד און צו הימל אַ תּפילה,
מיט טרערן־זשיוויצע באַגיסט זיך זיין שטאַם.
אָט זעט ער אויף ס'ניי, ווי אין דעמערונג שטילער
שטרעקט אוים זיינע צונגען אַ העלישער פלאַם,

און לעקט אָפּ דאָס בלוט פון פאַרקויטיקטע ברוקן,
און שלינגט איין פאַוואָליע אַ גאַס נאָך אַ גאַס,
נאָר אים גייט אַנטקעגן אַ גרייז־גרויער זקן
מיט אויגן, וואָס ברענען פון ווייטיק און האַס.

ער גייט, און דער ווינט פאָכעט־אויף זיינע פּאָלעס —
צעבראָכענע פליגל, וואָס פאַלן אַראָפּ,
פון ווייט יאָגן נאָך אים פאַרשטיקטע יללות,
און שוועבן אַרום זיין פאַרהויבענעם קאָפּ.

באַלד וועט ער אַריין אינעם ים פון די פלאַמען
און ווערן אַליין אַ צעשייטערטע קויל.
נאָר זע, ער היפּט איבער פון פייער די צאַמען
און לאָזט הינטער זיך דעם פאַרוווּנדערטן גרויל.

איצט זענען די טריט זיינע יינגער געוואָרן,
אויף פליגל פון פּאָלעם עס טראָגט אים דער ווינט,
גלייך ווי דער פלאַם וואָלט אויף ס׳ניי אים געבאָרן,
פון ווייטן ער זעט איצטער אויס ווי אַ קינד.

ער גייט און ער גייט — און ער ווערט נישט פאַרשוווּנדן —
אַ פלעק, ער בלייבט הענגען אויף דעם האָריזאָנט,
מיט ערד און מיט הימל אויף אייביק געבונדן —
ער לייכט ווי אַ פאַקל און וואָרנט און מאָנט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בוים האָט פאַרבראָכן די הענט — זיינע צווייגן,
צעפלאָשעט די גאָלדענע בלעטער — די האָר.
און איך הער זיך איין, ווי אין פאַרכטיקן שווייגן,
ער ווײנט אויף מיין יונגן פאַרשניטענעם דור.

יעדער שטיין

יעדער שטיין,
אויף וועלכן איך טרעט,
רעדט —
די רייד
פון אַ פאָלק
נישט דערערדטע
די ווערטער
פון איצט און פון שפּעטער,
וואָס האָבן אויף מענטשלעכע ליפּן
געשוועבט,
געלעבט
און געשטאָרבן —
אין געטאָ.

יעדע גאַס,
דורך וועלכער איך גיי,
שרייט —
ס'געשריי
פון אַ פאָלק,
וואָס האָט נאָך זיין וויי
ביז לעצט נישט דערשריגן —
דאָס גרויסע געשריי
פון טאַטעס און מאַמעס,
פון קינדער אין וויגן,
וואָס זענען געבליבן
אין געטאָ־ערד־ליגן.

אַלץ אַרום רעדט,
אַלץ אַרום שרייט,
בלויז איך אַליין —
שווייג
מיט ליפּן פאַרביסן.
איך שווייג
און דאָס האַרץ
פון געשריי
ווערט צעריסן.

די גאַנצע ערד

די גאַנצע ערד,
אָן אָנגעשוואָלענע פון ווײ און פּײַן,
קומט דאָ צו גײן
אין טאָג פון נײַנצנטן אַפּריל
און פאַרגײט זיך שטיל
אין אַ געוויין
און וואַרפט פון זיך אַרויס
ווי דער סמבטיון
צער און צאָרן,
וואָס פלאַמט־אויף —
אַ ברענענדיקער דאָרן
אויפן ווינט.
און ווער ס'איז טויב,
און ווער ס'איז בלינד
מוז אויך דערהערן און דערזען
ביים פייער־רויט
דעם אויפמאַרש פונעם לעבן
קעגן טויט.

און גיין מיר וועלן ווידער

און גיין מיר וועלן ווידער
אין יענעם טייל פון שטאָט
אויף צפון,
ווו ס'קרייצן זיך די וועגן
פון מיין וועלט.

איינגעהערט אין אייג'נעם שווייגן
יעדער וועט דערמאָנען
דעם, וואָס פעלט,
און ביים לעבעדיקן קאַלטן שטיין
שלייפן דעם זכרון.

ביים געטאָ־דענקמאָל

רויטע בלומען
פאַלן טראָפּנווייז,
ווי בלוט,
אויף גרויען שטיין,
און פלאַמען אויף
ביים שײַן פון רעפלעקטאָרן
מיט אַ העליש פייער,
וואָס צינדט אין טויטע אויגן
וויי און צאָרן.

*

די נייע הייזער וואָס אַרום
געדענקען נישט די פּיין
און נישט די שלאַכטן.
זיי קוקן שטום
אויף די געטעסעטע אין שטיין
פיגורן —
און בלויז אין די פאַרנאַכטן,
ווען שאָטנס שלייכן זיך, ווי שפּורן
פון פאַרקוילטע טאַטעס,
מאַמעס,
קינדער,
און פאַרהאַלטן זיך ביי יעדן טויער —
די פענצטער ווערן בלינדער,
פאַרציִען זיך מיט פאָרהאַנגען פון טרויער.

*

באַלד וועט זיך פאַרלעשן שוין דער פלאַם אין די מנורות,
מענטשן וועלן אויסווישן די אויגן
און אַוועק איבער דער שטאָט,
ווי ס׳האָבן דורות
זייער שטאַם פאַרלוירן.
נאָר איך וועל מאַכן נאָך איין טראָט
אין דער פאַרקערטער ריכטונג,
כ׳וועל צופאַלן צום קאַלטן שטיין
און אויסרופן, ווי גאָט:
זאָל ווערן ליכטיק!

אין יענער נאַכט

אין יענער נאַכט,
דער נאַכט פון אַלע נעכט,
דער נאַכט פון ניינצנטן אַפּריל —
געווען איז שטיל.
נאָר ס'האָבן הינטער מויערן געוואַכט
די מורדים,
פאַרטייעטע מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן.

ביים ראַנד פון הימל שוואַרצן
האָט אויפגעהעלט דער טאָג
און ווי אַ גלאָק
מיט אָפּהילך פון באַטשוועקעוועטע שיך
געלאָזן וויסן:
עס גייט דער טויט!
און באַלד האָט אויפגעפלאַטערט רויט
אַ גאַס,
אַ צווייטע און אַ דריטע.
געשטאַנען איז אַנטקעגן
דורותדיקער האַס
און לעבעדיקער קרבן
פון דורותדיקער שחיטה.

מיט בליי געשליידערט האָט דער האַס,
מיט פייער האָט געענטפערט אים דער קרבן,
אָ, ניין,
ער איז נאָך נישט געשטאָרבן —

מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן
באַגעגנט ער דעם שׂונא.

אין טאָל פון טויט

כ׳וועל ווידער היינט, ווי יעדעם יאָר,
אַוועק אין טאָל פון טויט
און שטיין בלייבן
פאַרלוירן
צווישן געסלעך — לאַבירינטן —
מיט אויער אָנגעשפּיצטן
אויפכאַפּן
די וויי-געשרייען,
וואָס בלאָנדזשען אַלץ ארום נאָך
מיט די ווינטן
און שלאָגן אָפּ זיך אינעם באַרג
פון בלוט און אַש,
געמישטן מיט גראַניט,
ווו פאַרגלייזטע אויגן
לעבן ווידער אויף
און שטעכן דורך דעם טאָג
מיט זייער בליק.

איך וועל אַ פאַל טאָן צו דער ערד,
וואָס האָט פאַרשלאָסן זיך פאַר מיר,
גישט באַוויזן איינצושלינגען
און אויף אַ רגע כאַטש
באַהעפטן זיך מיט זיי —
די פאַרברענטע רינגען
פון מיין פאָלק —
און שפּעטער וועל איך אויפשטיין,
אַ געלייטערטער אין בלוט און טרערן,
און ווייטער גיין,
און ווייטער גיין. — — —

ביים דענקמאָל־שוועל

איינגעהילט אין טרויער פון דער נאַכט —
מיין דענקמאָל שטייט אַן איינזאַמער
אין טויטן־פעלד
און וואַכט — — —

פון אַלע זייטן ציִען מורדים
צו זיין שוועל
און שטעלן אוים זיך ריי נאָך ריי
צום קאַמפס־אַפּעל.

דאָס וואָרט באַקומט דער באַראַבאַן —
זיין דראָבנע קלאַפּן ער צעשיט,
ווי פונקען העלישע דער שמיד,
און ס׳ענטפערט אים אַ ווייט געשריי:
— פאַראַן, פאַראַן!
און ס׳טראָגט זיין ווידערקול אַוועק
דער ווינט:
פאַראַן, פאַראַן!
אין בליק פון קינד,
וואָס קוקט אויף דיר —
אַן אַלטער מאַן,
אין שטילן צאַפּלען פון דער פרוי —
דאָס פנים יונג — די האָר שוין גרוי,

אין וואַקלדיקן שפּאָן
פון פּים,
וואָס זענען דורכגעגאַן
דעם ראַנד פון טויט —
ער איז פֿאַראַן
דער ווייגעשריי
פון אַלע די,
וואָס זענען דאָ אַצינד נישטאָ,
וואָס האָבן נישט געהאַט קיין לעצטע שעה.

— — — — — — — — — — — — — —

איצט קומען זיי פון אַלע זייטן אָן
צום קאַמפּס־אַפּעל
און ס'הילט זיי איין דער טרויער פון דער נאַכט
ביים דענקמאָל־שוועל.

דער לעצטער וועג

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין לערער
ישראל ליכטענשטיין, דעם מיטאַרבעטער
פון רינגעלבלום־אַרכיוו.

אַזוי גייט צום טויט דער לערער ישראל —
די ביינער פון זיינע תלמידים אין טאָל,

געבליבן זיי זענען דאָרט עלנט, אַליין גאָר —
די טייערע שילער, די קינדערשע ביינער.

ער גייט און ער הערט אויף זיין וועג, אויפן שווערן,
ווי ס'רופן די ביינער: אוי, לערער, אוי, לערער!

אַרום איז אַ שטאָט שוין אין גאַנצן פאַרטיליקט,
נאָר זיי האָבן אַלץ נאָך דעם טויט נישט באַוויליקט,

זיי ציִען זיך אַלץ נאָך צום לעבן — די ביינער,
נאָר ס'הערט זיי נישט קיינער, עס הערט זיי נישט קיינער.

האָט ער אינעם טאָל פון די ביינער געניִדערט,
צוזאַמענגענומען די קינדערשע גלידער.

ער האָט מיט זיין אָטעם דעם טרייען און הייסן
די קינדערשע ביינדעלעך לעבן געהייסן.

— —

ביז היינט נאָך גייט אויף, ווי פון טיפע תהומען,
אין שמייכל פון קינד — פון מיין לערער דער נאָמען.

קינדער קומען מיר צו חלום

קינדערלעך טייערע,
קינדערלעך ווילע,
כ׳זע ווידער איך גייען דאָ
נאַקעטע, הוילע,

און אייערע אייגעלעך,
שוואַרצע, דערשראָקענע —
פּיצינקע פייגעלעך
רופן און לאָקן מיך:

ווער אויך אַ פייגעלע,
קום לאָמיר פליִען
פון אונדזערע צווייגעלעך
צו יענע פאַרפריען,

וואָס האָבן אין געטאָ
געשטעלט זיך אין פלאַמען,
אפשר עס וועט דאָרט
נאָך זיין כאָטש אַ מאַמע.

אפשר מיר וועלן
אויף חורבות, רויִנען
פון היימען די שוועלן
צוריק אָפּגעפינען.

און ס׳גייען די קינדער —
דורך שטעט און דורך גאַסן
די פיסלעך אין וווּנדן,
די פּנימלעך נאַסע.

פון שוויים, צי פון טרערן ?
פון בלוט, צי פון רעגן ? — — — —
זיי גייען און ווערן
אַלץ מער אויף די וועגן.

זיי גייען און רייסן
אַדורך זיך דורך צוימען,
און אָט איז די ווייסל
מיט כוואַליעס צעשוימטע.

צי וועט זי פאַרשווענקען
די טריט איינגעשפּאַרטע,
די הערצלעך, וואָס בענקען
נאָך מאַמעשער צאַרטקייט ? — — — —

זיי גייען און קוקן
נישט אום אויף צוריק זיך,
די ביימער, זיי בוקן
צו זייערע טריט זיך,

באַגלייטן די קינדער
מיט שטילע געוויינען,
די זון זיי באַוווּנדערט
און העלער נעמט שיינען.

און ס'וואַסער וואָס פריִער
געווען איז נאָך לויטער,
הייבט אָן איצטער גליִען,
ווערט רויטער און רויטער.

און צווישן דער רויטקייט
דער גאַנג ווערט פאַרשניטן,
אַרום בלייבט אַ טויטקייט,
און איך — אין דער מיטן.

דאָס קליידעלע פון אוישוויץ

אַ מיידעלע
אַ קליידעלע
לייב קוויטקאָ

געווען איז אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע,
אַ קליידעלע —
אַ מיידעלע אַזאַ.

געהייסן האָט דאָס מיידעלע
איידעלע
באַשיידעלע —
אַ חכמטע אַזאַ.

אַלץ געוווּסט האָט איידעלע,
ליב געהאַט אַ פריידעלע,
אַ לאַכעלע, אַ ריידעלע —
אַ שטיפערקע אַזאַ.

פלעגט ציטערן איר לעקעלע,
דאָס שטימעלע — אַ גלעקעלע,
די אייגעלעך —
צוויי פייגעלעך —
געפלויגן אומעטום.

אזוי געדויערט האָט ביז דאַן,
ווען ס׳איז פון טאָג געוואָרן נאַכט.
געקומען איז אַ בייזער מאַן,
געשריגן שיכור און געלאַכט,
האָט צוגענומען איידעלען —
דאָס מיידעלע,
דאָס קליידעלע ,
די חכמטע-באַשיידעלע.

אוועקגעפירט זי ערגעץ ווייט,
ווו דער טויט האָט זיך געשפּרייט
צווישן דראָטן שטעכיקע
און געשרייען פּרעכיקע —
שנעלער, שנעלער, לאָוס.

פאַרשוווּנדן איז פון איידעלען
דאָס שיינע בלויע קליידעלע,
די שיכעלעך,
דאָס טיכעלע
פונעם קלוגן קאָפּ.

אריין איז אונדזער איידעלע
מיט נאָך אַזעלכע מיידעלעך
באָרוועסע און נאַקעטע
אין אַ ווייסן הויז.
דאָרט האָט דער טויט
געפלאַקערט שוין
פאַרשלונגען אַלע מיידעלעך —
אַ רויך איז בלויז אַרויס.

געבליבן איז פון אײדעלען
דאָס שײנע בלויע קלײדעלע,
אַ קלײדעלע,
אַ מײדעלע,
אַ קלײדעלע —
נישט מער.
אין אוישוויץ ליגט דאָס קלײדעלע,
צווישן שיכלעך,
טיכעלעך,
אינעם סאַמע פּראַנט.
ליגט דאָס בלויע קלײדעלע,
אַ קלײדעלע,
אַ מײדעלע —
רופט צו אונדז און מאָנט — — — —

דער וועג צוריק

שווער געווען דער וועג צו יענעם אָרט,
ווו ס'הענגט נאָך אין דער לופטן מאָרד.
נאָר שווערער נאָך געווען דער וועג צוריק
צום קליינעם גרויסן גליק
פון אייגענע פיר ווענט.
ווו דו ווערסט ווי אַ פרעמדער שטיין פאַרשעמט.

ס'וועט ווי טאָן דיר דער גוטער שמייכל,
וואָס ס'טראָגן דיר אַנטקעגן פרוי און קינד,
נאָר ווערסט נישט וואַגן געבן זיי אַ צייכן,
אַז דער שמייכל איז אַ זינד.

ס'וועט ווי טאָן דיר דער שטילער דעמער,
נאָר ווערסט נישט אָנצינדן קיין ליכט —
נאָך וואָס זאָל עמעצער זיך קלעמען
פון שאָטן אויף דיין בלייך געזיכט?

ס'וועט ווי טאָן דיר די ביכער־שאַנק,
דער טיש געדעקט מיט ווייסן ברויט —
און דו ווערסט הערן אַלץ דעם קלאַנג
פון טרויערמאַרש אין שטאָט פון טויט.

איך וויל פון דעם אומעט אַנטלויפן

איך וויל פון דעם אומעט אַנטלויפן,
נאָר קאָן מען אַנטלויפן פון זיך?
אפשר גאָר זאָל איך זיך קויפן
זיבנמייליקע שיך?

און אויב זיי וועלן מיך ווידער
פירן קיין טרעבלינקע
און איך וועל דאָרטן, אַ מידער —
אין לײמיקן באָדן פאַרזינקען?

מײַן קינד װיל גײן צו גאַסט

— אַלע האָבן זיידעס, באָבעס,
פעטערס, מומעס,
און איך בין איינינקער אַליין — — — —

— קום, מײַן קינד,
איך װעל דיך פירן קיין טרעבלינקע,
דאָרט — זייער געביין.

צװישן אָנגעהױפטע שטיינער
שטייט אַ גרױסער גרױער שטיין,
שטייט אַ ביסל אײַנגעבױגן
מיט פאַרװיינטע אױגן —
װייסט פאַר װאָס ער װיינט ?

װײַל די גאַנצע ערד אַרום אים
איז מיט מענטשן-אַש פאַרזייט,
װײַל עס ליגן דאָרטן שטומע
זיידעס, באָבעס, פעטערס, מומעס —
דײַן משפחה-קייט.

ניין, דו ביסט, מײַן קינד, נישט איינער,
דאָרטן, צװישן גרױע שטיינער,
רינג אין רינג איז אײַנגעפאַסט,

— קום-זשע, לאָמיר גײן צו גאַסט — — — — —

לאַכן איז געזונט

לאַכן איז געזונט,
דאָקטוירים הייסן לאַכן...
נו, לאַכן מיר,
נו, לאַכן מיר,
אויף אַלע מינים שפּראַכן:
אויף יידיש און העברעיש און
אויף רוסיש און פראַנצויז,
אויף ענגליש, פּויליש, שפּאַניש אויך
מען לאַכט ביי אונדז אין הויז.

עס לאַכן קינדער קליינינקע,
וואָס ליגן נאָך אין וויג,
עס לאַכן אַלטע באָבעשים,
וואָס ציילן אויף צוריק
די יאָרן די פאַרלאָפענע
אין בלוט און אין געוויין,
די נעכט די נישט דערשלאָפענע
אין אומגליק און אין פּיין — — —
עס לאַכן גרויע זיידעשים
און וויִשן אויס אַ טרער —
פאַרשניטן אונדזער עדה איז,
וואָס בלייבט אונדז איבער מער?
עס לאַכן יידן פּשוטע
אין קלובן און אין קלויז —
מיט וויטיק און מיט קלעמעניש
מען לאַכט ביי אונדז אין הויז.

דאָקטוירים הייסן לאַכן,
לאַכן איז געזונט...
נו, לאַכן מיר,
נו, לאַכן מיר,
מיט אומרו און מיט בונט.
זאָל אונדזער לאַכן אויפטרייסלען
די זיילן פון דער וועלט,
זאָל אונדזער לאַכן אויפרייסן
די הערצער פול מיט קעלט,
זאָל אונדזער לאַכן אָפּהילכן
אויף הימל און אויף ערד —
געננוג שוין מיט די טרערן זיך
פון דורות-לאַנג גענערט!

לאַכן איז געזונט,
דאָקטוירים הייסן לאַכן...
נו, לאַכן מיר,
נו, לאַכן מיר,
דאָס מויל נישט צו פאַרמאַכן.
און אויב מיר וועלן אויפהערן,
חלילה, לאַכן שוין,
איז וואָס וועט דעמאָלט זיין פון אונדז,
זאָג —
שלום-עליכם-קרוין?!

„מיר איז גוט, איך בין אַ יתום"

מיר איז גוט,
איך בין אַ יתום —
וויל איז מיר און גוט....

ס'ליגט מיין פאָלק
אין גרוב צעשאָסן
און עס זידט זיין בלוט,
דאָרטן איז דער קליינער מאָטל
מיט זיין ברודער עליע;
פאַר די מתים שפּילט אַ ניגון
סטעמפּעניוס קאַפּעליע;
טביה און מנחם-מענדל
ווישן זיך די טרערן,
קוקן ווי דערשטוינט אויף זיי
די בלאָנדזשענדיקע שטערן.

— „זיי זשע נישט קיין יידענע —
זאָגט גאָלדע-סערדצע טביהן —
ווי קומען עס גאָר טרערן צו
אַ טויטן ייד — אַן אביון".
און גאָלדען עס פּאַטאַקעווען
אַלע שיינע טעכטער —
רייסט פּלוצעם אויף דאָס קבר זיך
פון אימהדיק געלעכטער.
— — — — — — — — —
און איך בין אין אַ טאָג אַזאַ
צום גרויסן גרוב געקומען

און האָב פֿון ווייטן מאַטלס קול
אויף ס'גיי אין זיך פֿאַרנומען.

און זיינע ווערטער קלינגען נאָך
ביז היינט ביי מיר אין בלוט:
מיר איז גוט,
איך בין אַ יתום —
ווי, עס איז מיר גוט — — — —

*

צום אָנדענק פון שמואל האַלקין

טיפע גריבער, רויטע ליים,
כ'האָב אויך אַ מאָל געהאַט אַ היים —
וואָס איז פון מיין היים געבליבן?
ווי מיט בלוט אין האַרץ פאַרשריבן.

דאָרט, ווו ס'פלעגט אַ מאָל זיך וועבן
יידיש ליד און יידיש לעבן,
נישט געבליבן איז קיין זכר.
בלויז דער דענקמאָל שטייט — אַ צייכן

פון מיין פאָלק דעם אומגעבראַכטן,
דעם געקוילעטן אין שלאַכט הויז,
אין די קאַלכאָויוונס פאַרברענטן,
אויף אויגן פון דער וועלט געשענדטן.

און אַרום שוין נייע הייזער,
קוקן אויס די נייע שפייזער,
צווישן פרישע בלומען-בייטן
שפילן קינדער ווי פאַרצייטנס,

גלייך עס וואָלט קיין זאַך געשען דאָ,
נישט מיין היים אַ מאָל ז׳געווען דאָ,
נישט קיין חורבות און רוּינען,
ווּ איך האָב בלויז טויט געפונען

ווען איך בין פון ווייטע וועגן
צוריקגעקומען זוכן, פרעגן
אויף מיין טאַטן, אויף מיין מאַמען,
און געטראָפן — אַש פון פלאַמען.

וואָס־זשע איז מיר איצט געבליבן?
בלויז דיין ליד מיט בלוט געשריבן:
טיפע גריבער, רויטע ליים,
כ׳האָב אַ מאָל געהאַט אַ היים — — —

איך האָב דיין קעלערשטוב...

י. ל. פרצן

איך האָב דיין קעלערשטוב געקענט, ווי זיך אַליין,
און יאָסעלען און טריינען די פֿאַרשוואַרצטע.
פון זייער הייסער ליבע טראָג איך נאָך די שײַן,
וואָס ברענט ווי אַ נר־תמיד אין מיין האַרצן.

דעם שימל פון די קעלער־ווענט איך טראָג נאָך אַלץ
אין לונגען מיינע ערגעץ טיף פֿאַרבאָרגן
און אינעם ליד, וואָס רייסט אַרויס זיך פון מיין האַלדז,
איך הער אָפט יאָסעלעס און טריינעס זאָרגן.

די שוואָמען, וואָס געבליט האָבן אין זייער שטוב,
אין יעדן ווינקל, ווי אין גאָרטן — בלומען,
איך קען זיי גוט, דעם ריח זייערן אין גרוב
עס האָט מיט זיך מיין מאַמע מיטגענומען.

און איך אַליין, איך טראָג אים אומעטום מיט זיך,
און קאָן זיך פון אים קיין מאָל נישט באַפרייען,
ווי ס'קאָן אַ מענטש זיך נישט באַפרייען פון געזיכט —
דעם שפיגעלע פון פריידן און פון ווייען.

איך האָב דיין קעלערשטוב געקענט ווי זיך אַליין,
און יאָסעלען און טריינען האָב געקענט איך,
פון זייער הייסער ליבע טראָג איך נאָך די שײַן,
כאָטש ס'האָט דער שונא שוין פון לאַנג פֿאַרברענט זי.

*

אזוי איז שוין מיין דור באַשערט —
לעבן צווישן שאָטנס
און גיין מיט וואַקלדיקע טריט
אויף ערד,
וואָס בליט מיט קברים.
אַ מאָל די שאָטנס ווערן קירצער, לענגער,
לויפן אויף פאָרויס
און בלייבן הענגען
אין דער לופט,
נאָר ווער עס הערט נישט
זייער רוף,
קערט אָפּ פון זיי דעם בליק,
ווייל בלויז דער ליכטיקייט געהערן —
פאַרמשפּט זיך אַליין
ער זאָל אַ שאָטן ווערן.

קוזמיר

הייזקעס שטייען אָנגעשטעלט
קאָפּ אויף קאָפּ
און פֿאַלן פֿון די בערג אַראָפּ
מיט ליכטער אין די שויבן.
אַלץ ווי אַ מאָל:
פֿון אויבן
פֿלעכטן זיך די צווייגן
און אין טאָל —
אַ טיפֿער שווייגן,
וואָס דערגייט ביז סאַמע מיטן מאַרק.
נאָר דאָ
פֿלאַטערן אין ווינט
בערד אָן ייִדן —
שוואַרצע שאָטנס אויפֿן שניי,
וואָס ווערט אַזש בלינד,
קוקנדיק, ווי זיי
קלעטערן אַרויף
צו די רויִנען —
אפֿשר וועט נאָך דאָרט
אַ שפּור
פֿון אסתרקען זיך אָפּגעפֿינען.

אויף געסעלעך קרומע

אויף געסעלעך קרומע,
וואָס פירן אין ערגעץ,
וואָס ווייען מיט אומעט
פון שויבן אין מרחץ,
ווו ס'האָט זיך געשפיגלט
אַ האַלבע לבנה —
אַ שפּליטער פון קריגל
זי פלעגט מיך דערמאָנען —
אויף געסעלעך קרומע,
וואָס פלעגן זיך נייגן
צום מענטשלעכן שטומען,
צום שטיינערנעם שווייגן,
וואָס האָט מיך געטריבן
פון זיך צו די וועלטן,
צום האַסן און ליבן
אין היצן און קעלטן —
אויף געסעלעך קרומע,
איך פיל זיך איצט היימיש,
כ'פאַרנעם זייער ברומען
דאָס אוראַלטע ווייליד,
און כ'קוק אין די שויבנס
פאַרלאָשענע פלאַמען,
ווו ס'האָט זיך פאַרהויבן
דער קאָפּ פון מיין מאַמען.

אויף אייביקייטן

דעם פייער־פלאַם כ׳האָב נישט געזען,
נאָר ער האָט אָפּגעזענגט מיין הויט,
און כ׳טראָג נאָך אַלץ ארום דעם טויט
אין מיינע אויגן,
ער ברענט נאָך אַלץ און גליט
די טריט
אויף קאַלטע אספאַלטענע וועגן
אַרום אָרט דעם הייליקסטן,
וואָס האָט די ווונדן שוין פאַרצויגן
מיט באַנדאַזשן ווייסע
און מיט גרינעם צווייט.

דעם אָפּהילך פון פאַרמעסט כ׳האָב נישט געהערט,
נאָר ער רוישט נאָך אַלץ ביי מיר אין בלוט,
וואָס ווערט פאַרצערט
פון וויי און צאָרן.
זאָל ער,
זאָל ער רוישן איבער יאָרן,
איבער לענגען, איבער ברייטן —
אייביקייטן!

זיי

זיי זיצן היינט ביי קאַנטיקע און רונדע טישן
אין קרייז פון ווייב און קינד,
פון הויכגעשטעלטע לייט
און דערמאָנען קליינע זינד
פון דער פאַרפלוכטער גרויסער צייט —
ווער באַגייט דען נישט קיין קליינע זינד
אין לעבן?
איינעם אָדער טויזנטער געטויט —
דער חשבון ווערט דערפון נישט רויט
און ס'ווערט נישט בלאַסער די פאַרגעבונג.
און די קללה, וואָס די וועלט זיי שיקט?
זי ווערט דערשטיקט
אונטער די קלאַנגען פון מוזיק קאָנקעטער,
וואָס פאַרבייט דעם אַלטן באַך.

זיי גייען שוין ווידער

זיי גייען שוין ווידער צו יידישע הייזער,
זיי קלאַפּן שוין ווידער אין יידישע טירן,
און ווידער אין נאָמען פון גאָט און דערלייזער
זיי וואָלטן אונדז וועלן צום טויטן־גרוב פירן.

זיין שמירן שוין ווידער מיט בלוטיקע לאַפּעס,
מיט האַקנקרייץ־פינגער די האַקנקרייץ־צייכנס
און ווי די היענעס וואָס פגירה דערשנאַפּן
זיי וואָיען דעם בייזן געוואָי פון פאַרצייטנס.

און ס׳דרינגט זייער וואָיען אַריין דורך מיין פענצטער
וואָס איז, ווי מיין האַרץ, צו דער וועלט נאָך אַלץ אָפן,
און פול ווערט די נאַכט מיט די ברוינע געשפּענסטער,
וואָס שטיקן ביים האַלדז מיך און לאָזן נישט שלאָפן.

איך הייב זיך דאָן אויף פון מיין ווייכן געלעגער,
וואָס זיי וואָלטן וועלן אויף קבר פאַרבייטן,
און וואַנדער אין חלום אַוועק איבער וועגן,
ווו ס׳טליִען אָן אויפהער די נעכטיקע שייטערס,

און כ׳שריי צו דער וועלט דאָס געשריי פון מיין מאַמען,
דאָס לעצטע געשריי פון די שוועסטער און ברידער:
צי קאָנט איר דעם וועג פון די מערדער נישט צאַמען?
אָ, הערט, ווי זיי גייען, זיי קומען שוין ווידער!

טריט

טריט,
טריט,
טריט,
רייסן אויף די שטילקייטן פון מיינע נעכט
און קלאַפּן אינעם האַרץ,
ווי אין פאַרמאַכטע טירן,
ברוינע, שוואַרצע טריט,
וואָס לאָזן רויטע שפּורן
אויף פאַרקוילטער ערד.

נאָר ערד, ווי ערד,
זאַפּט איין אין זיך די וואַסערן
צוזאַמען מיטן בלוט
און גייט אויף מיט בלי,
מיט בויונג,
און מיט יונג געלעכטער.
בלויז איך הער אַלץ נאָך
אין די שטילקייטן פון נעכט,
ווי ס׳קלאַפּן אינעם האַרצן
טריט,
טריט,
טריט — — —

אזוי האָט גערעדט
אין מיין חלום

אין טאָל פון די ביינער

אין טאָל פון די ביינער
האָט איינער —
אַ שאַרבן מיט ווינטיקע אויגן
געקוקט אויף מיר לאַנג און גערעדט:

— איר גייט אַלץ אַרום אויף דער ערד
מיט ווייכינקע טריט
און מיט קעפּ צו דעם הימל פאַרהויבן
און זוכט צווישן שטערן:
די וועלטן, וואָס האָבן פון לאַנג זיך פאַרלאָשן,
די וועלטן, וואָס זענען אין פייער פאַרהילט נאָך,
די וועלטן פון מאָרגן,
און פילט נישט ווי ס'רירט זיך דער באָדן,
ווי ער צאַפּלט און וואַרפט זיך
און רויטער אַלץ ווערן די ימען
פון אונדזער פאַרגאַנג.

איר גייט אַלץ אַרום אויף דער ערד
מיט פאַרשטאָפּטן זכרון,
ווי פלעשער מיט וויין, וואָס די צייט
מאַכט אים בעסער און רייפער אין טעם,
און אייך דאַכט,
אַז ווען איר טוט אויס זיך
פון אונדזערע אַלע יסורים,
אַזוי ווי פון עפּעס אַ בגד אַן אַלטן,
איז מער נישט גרוי אייער פּנים
פון אונדזערע אַש,
וואָס טראָגן זיך אום אין דער לופטן,

איז מער נישט שוואַרץ דאָס געוויסן
פון וועלן נישט וויסן,
און גרין איז נישט מער אייער בליק
פון די מאַכן, וואָס וואַקסן אויף אונדז.

איר גייט אַלץ אַרום אויף דער ערד
און ווילט זי פאַרזאָרגן,
פאַרזאָרגנדיק זיך —
און דאָס פּיצעלע זאָרג
האַלט אונטער דאָס פּיצעלע האַרץ,
וואָס וועט קלאַפּן אַ יאָר נאָך און אפשר אַ צענדליק,
און איר פילט נישט די פאַלשקייט פון קלאַפּ,
וואָס פאַר אים זענט איר גרייט
צו פאַרגעסן, פאַרגעסן —
פאַרגעסן די קינדער, וואָס האָבן געברענט,
פאַרגעסן די מאַמעס, וואָס האָבן געברענט,
פאַרגעסן די טאַטעס, וואָס האָבן געברענט,
אין די אויוונס, געמאַכטע דורך מענטשלעכע הענט,
פאַרגעסן די ברידער, וואָס האָבן אין פלאַם
פון שלאַכטן די לעצטע געלייגט זייער קאָפּ,
פאַרגעסן דעם מאָרד —
און די מערדער פאַרגעסן.

שטיל ווערט אין טאָל פון די ביינער —
עס רירט זיך נישט קיינער,
עס רעדט מער נישט קיינער.

בלויז ווינטן אַרום זיך צעבלאָזן,
און איך שטיי פאַראומערט, פאַרלאָזן,
און קאָן נישט באַנעמען די טענה.

פאַרגעסן — צי האָב איך פאַרגעסן ?
ביי נאַכט און ביי טאָג,
בעתן שלאָפן און עסן
איך הער אייער קלאָג,
דאָס געוויין און געשריי,
וואָס צעטרייסלט די ווענט פון מיין הויז.
איך זע אייך אין אומקום,
איך זע אייך אין אויפשטאַנד,
און כ׳בין אומעטום,
וווּ ס׳האָט אייך פאַרטיליקט דער בראַנד.

פאַרגעסן דעם מאָרד
און די מערדער פאַרגעסן ?
צו טעמפּ איז דאָס מעסער,
צו שוואַך איז דאָס וואָרט,
וואָס האָט זיי פאַרשאָלטן,
נקמה גענומען —
דאָס יאָ. נאָר וואָלטן
זיך אַלע ווערטער צוזאַמענגעקומען
אָט־דאָ
אינעם טאָל
און זיך פאַרוואַנדלט אין שטאָל,
וואָלט אויך נאָך געווען ווייניק, ווייניק,
צו טרעפן אין הארצן
דעם מערדער,
וואָס האָט אונדז פאַרפייניקט.

איך שטיי פאַרן טאָל פון דיביינער געבויגן
און רעד צו דעם שאַרבן,
וואָס קאָן אַלץ נישט שטאַרבן, —
צי הערט מיך דער שאַרבן?

ס'איז שטיל איצט אין טאָל פון די ביינער:
עס רירט זיך נישט קיינער,
עס הערט מיך נישט קיינער.

אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום

אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום
דאָס מיידל פון מילע:
— איך דאַרף נישט דיין עליה השלום,
איך דאַרף נישט דיין תפילה,
פון וועלכער עס ווערן די ליפּן
אין קויל נישט פאַרביטן,
וואָס זאָל מיט זיין פייער צעגליטן
פאַרברענען דעם מענטשלעכן גלייכגילט.
צו מילד,
צו שטיל און צו מילד איז דיין תפילה.
פון האַרץ רייס אַרויס דיין געשריי,
און מיט וואָרט אָנגעצילט
אין פאַרשטיינטע געוויסנס,
דו טראָג זיי אַנטקעגן
מיין פּיין און מיין וויי —
אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום
דאָס מיידל פון מילע.

— ווער זאָגט, אַז די צייט היילט די ווונדן?
דער ווינט האָט מיין אַש שוין פאַרקערט,
מיין שפּור פון דער ערד
איז פאַרשוווּנדן,
נאָר זע:
די זון גייט אויף רויט און פאַרגייט —
מיין בלוט דאָרטן צייכנט די צייט.

יעדן טאָג, יעדע נאַכט,
איך ווער אויף דאָס ניי אומגעבראַכט —
אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום
דאָס מיידל פון מילע.

דער רעגן, וואָס פייכט מאַכט דיין פעלד —
מיינע טרערן,
דער שטערן
אין פענצטער וואָס העלט —
מיינע אויגן,
די האַלבע לבנה אין רוים —
מיין צעשניטענע בריסט,
וואָס האָט נישט דערוואַרט זיך איר טרוים —
אָן עופּהלע זויגן,
מיינע געשוואָלענע פיס
אין ברוין־בלויע פאַרבן —
די ביימער, וואָס רוישן אין האַרבסט
און ווילן נישט שטאַרבן.

זאַמל צונויף יעדע טרער,
די שטערן, די האַלבע לבנהס,
און טראָג זיי אַרום אויף דער ערד,
כל־זמן ס׳איז נאָך דאָ אַ סכנה.
די גלייכגילט פון מענטשן פאַריאָג,
כל־זמן ס׳איז נאָך טאָג!
איך וויל נישט דיין עליה השלום,
איך דאַרף נישט דיין תפילה —
אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום
דאָס מיידל פון מילע.

באַלאַדע וועגן משה טשאַמפּעל
און די פלאַמען אויף ניסקע

טשאַמפּעל, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן
דורך היטלעריסטן, איז אין לעצטן מאָמענט
באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ב. מארק „דער אויפשטאַנד
אין וואַרשעווער געטאָ"

אין קוילנשטויב שטענדיק פאַרזונקען,
די אויגן, ווי גלאַנציקער קויל —
דער שטאַרקסטער פון טרעגערשע יונגען,
האָט אים נישט געשראָקן קיין קויל.

ווען ער איז געגאַן אויף דער ניסקע,
געציטערט האָט ברוק אונטער טריט,
געדאַכט האָט — אויף פּנים פאַרריסטן
דער קוילנשטויב העל זיך צעגליט.

געקענט האָט די יידישע גאַס אים,
געווען איז אַ טייל ער פון איר —
ווען אָפּהילכן פלעגט ווען זיין באַס־שטים
האָט אָפּגעשטעלט זיך דער שפּאַציר.

אויף טשאַמפּלען געקוקט האָבן אַלע —
וואָס וועט דאָ באַלד ווידער געשען ?
וועט עמעצער אויפשטיין צי פאַלן,
צי בלייבן אין צוואַנג־הענט פאַרקלעמט ?

באַהויכט ר'איז געווען מיט לעגענדע
פון ברודער, וואָס וועלטן געקערט —
דעם שאָס, וואָס געבראַכט אים צו ענדע,
לאַנג האָט די שטאָט נאָך געהערט.

געזונגען דערוועגן אין הויפן
עס האָבן פּאַר קליין און פּאַר גרויס
קאַטאַריניאַזשעס אָן אויפהער —
נאָר פאַרגעדענקט האָט זיך בלויז:

„מאיר טשאַמפּעל האָט ער געהייסן,
איבעראַל איז ער געווען באַקאַנט,
אַלעס רויטער און אַלעס שטאַרקער
און אַלעס גרויסער ריזיקאַנט".

געפאַלן איז מאיר, און משה
אין גאַסן אַליין איז געבליבן,
געטראָגן פאַרלאָדענע קוישן,
מיט קויל זיין לעגענדע געשריבן.

ביז אַלץ האָט אין קויל זיך פאַרביטן,
געברענט האָט דער הימל און ערד —
מיליאָנען געוואָרן פאַרשניטן,
הייזער און גאַסן צעשטערט.

און יידן, פאַרשפּאַרט הינטער צוימען,
מיט מויער פון געטאָ פאַרשטעלט,
האָבן דורך רויכן פון קוימען
בלויז געקאָנט גרייכן די וועלט.

האָט טשאָמפּעל דאַן אַנדערע קוילן —
קוילן פון בליי, נישט פון שטיין,
געטראָגן אויף וועגן פון פוילן
און שוין נישט געווען אַליין.

אַזוי ביזן יאָר דריי און פערציק
ווען געטאָ אַרויס איז אין שלאַכט,
מיט ציין און מיט נעגל געווערט זיך
אַנטקעגן דעם אָנגריף פון נאַכט.

אויף פייער געענטפערט מיט פייער
האָט וואַרשעווער ייִדישע גאַס —
געברענט האָבן הייזער ווי שייערס,
געברענט האָט צום שונא דער האַס.

און דעמאָלט האָט טשאָמפּעל זיך ווידער,
אַזוי ווי פון אונטער דער ערד,
באַוויזן ביי טרעגערשע ברידער
אויף ניסקע — זיי האָבן געהערט:

זיין באַס-שטים נאָך אַלץ איז אַ פעסטע,
ער רופט זיי אין נאָמען פון שטאַב —
געקומען די צייט פון פאַרמעסט איז,
דערלאַנגען אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ!

און קיינער געטאָן זיך קיין וואַקל,
דערלאַנגט האָט די ניסקע מיט מוט,
ווי זי וואָלט געמאַכט אַ סך-הכל
פון גאַנצן פאַרגאָסענעם בלוט.

א טאָג מיט אַ נאַכט האָט געדויערט
אויף ניסקע דער הארבער געשלעג,
פון יעטוועדער ווינקל און טויער
האָט טשאַמפּעל געוואָרפן אַ שרעק

אויף קוילערס, וואָס זענען געקומען
פאַרלעשן פון מאָרגן די שיין,
די ייִדישע גאַסן פאַרשטומען,
נישט לאָזן קיין שטיין אויף אַ שטיין.

און ווען ס'האָבן קוילן פאַרפעלט שוין,
האָט משה — אַליין אַ שטיק קויל —
ביים סוף פון דער נאַכט אויפגעהעלט דאָרט
מיט לעצטן געשריי אינעם מויל.

— — — — — — — — — — — — — — —

און ס'העלט נאָך דער פלאַם איבער ניסקע,
אַ יעדן באַגין אויף דאָס ניי.
דער ווינט טראָגט מיט זיך דאָס געשריי —
יזכור!

וואַכנאַכט

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט
געפּייניקט פון אַ שרעקלעכן קאָשמאַר.
איך בין געלעגן ווי פאַרשטאַרט
און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט —
די ברוינע האַנט,
וואָס איז אַרויסגעקראָכן ווי אַ שלאַנג
פון וואַנט,
שטיקט נאָך אַלץ
מיין אויסגעדאַרטן האַלדז.
מיין כאָרכל מישט זיך אוים מיטן עקלדיקן קלאַנג
פון פּרעכע רייד און גראָב געלעכטער:
„האָסט געוואָלט זיין דער גערעכטער,
דער אומשולדיקער אין סדום,
וואָס פון זיינעטוועגן ווערט די וועלט נישט חרוב —
פאַרגיי צוזאַמען מיט דיין וועלט אין תהום,
אין אייגן בלוט פאַרטרינק
דיין גוטסקייט און דיין צאָרן!״
מיט ציטערדיקע פינגער כ׳האָב געפּרוּווט
דעם שטיקנדיקן רינג
פאַנאַנדערדרייסן,
נאָר פּלוצעם האָט פאַרפעלט מיר לופט,
באַדעקט מיט זיבן שווייסן
כ׳בין פאַרזונקען אין דער פינצטערניש פון נאַכט
האַלב שלאָפנדיק, האַלב וואַך.

✶

אין שמאַטעס איינגעוויקלט
כ׳ליג אין מיטן גאַס

ביים ראַנד פון געטאָ־מויער.
פאַר וואָס האָט מיך די מאַמע
דאָ געלאָזט אַליין,
פאַר וואָס ?
מאַמע —
כ׳וועל נישט בעטן מער קיין ברויט !
מאַמע —
דאָרט גייט דער טויט
אויף דרענגער צוויי
אין גלאַנציק־שוואַרצע שטיוול.
זע, זיי ווערן גרעסער אַלץ און גרעסער,
עפענען די מיילער אויף
און ס׳בלאַנקען שאַרפע ציין,
ווי מעסערס,
גרייט זיך איינצושניירן אין מיין גוף.
כ׳האָב מורא, מאַמע — — —
פאַר וואָס האָסטו געלאָזט מיך דאָ אַליין,
פאַר וואָס ?

✶

מיין קינד, מיין קינד ווו איז,
מיין יינגעלע מיט בלאָנדע לאָקן ?
דער מערדער האָט געכאַפּט אים פאַר די פּיס,
אַראָפּגעשליידערט אים פון אַלע שטאָקן.
איך וויל אַ שפּרינג טאָן, פאַרהאַלטן אים אין פלי,
נאָר כ׳בין ווי צוגעשמידט צו דעם געלעגער —
אַ פליטע צונטער־רויט צעגליט
ברענט מיך פונעם קאָפּ ביז שפּיצן נעגל.
איך ריים אַרום זיך דורך צעפראַלטע שויבן,
נאָר כ׳האָב פאַרשפּעטיקט שוין, דערווייל

האָט עמעצער מײַן קינד פֿון שטײנער אױפֿגעהױבן
און אַנטלאָפֿן — צום טױט אָדער צום לעבן?
איך זע אים צװישן גרױע װאָלקנס שװעבן
און לױף צוריק איבער די שטאָקן —
מײַן קינד, מײַן קינד װוּ איז,
מײַן ייִנגעלע מיט בלאָנדע לאָקן?

✶

הענט און פֿיס צונױפֿגעפֿלאָכטן,
גוף מיט גוף צונױפֿגעקלאַמערט,
ליגן מיר נאָך נישט דערשאָכטן
אינעם גרוב.
— קום — מײַן ליבסטע שטאַמלט,
און איך קוש אַראָפּ די װערטער
פֿון די קאַלטע ליפּן.
— קום — זי דריקט מיך שטאַרקער
און פֿון פֿלאַצנדיקע ריפּן,
װי די אײַז־קריעס אין פֿרילינג,
הײבט אַרױס זיך נײַ־געבױרן
אין מײַן בלוט — אַ צװילינג —
איך און זי —
די זעלביקע געשטאַלטן,
זײַ שטײַגן שנעל דעם גרוב אַריבער,
באַלד װעלן זײַ דעם הימל שפּאַלטן.
און איך ליג אַלץ נאָך מיט מײַן ליבער —
הענט און פֿיס צונױפֿגעפֿלאָכטן,
נישט דערשאָכטן.

✶

דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער
אין אומרו פֿון דערװאַרטונג,

באַלד וועלן זיי אויף ס'ניי
אַ שפּאַר טאָן
מיט קולות שיכורע
און בראַזג פון אויטאָמאַטן.
איך שטיי ביים פענצטער אָנגעשפּיצט
מיט ביקס אין האַנט
און הינטער מיר — מיין טויטער טאַטע.
ער ציילט די קוילן.
זיבן
זענען נאָך געבליבן.
„זיבן — פּליסטערט ער —
ווי טעג פון דער יצירה.
אָ, גאָט, אויך זיי האָסטו
לויט דיין געשטאַלט געפורעמט,
באַפוילן
זיך פּרוכפּערן און מערן,
איצט קומען זיי פאַרניכטן אַלץ,
צעשטערן,
און דו שווייגסט,
דו שיקסט קיין דונערן און בליצן,
שטאַרק זשע כאָטש מיין האַנט און בענטש
אויף זיך אַליין באַשיצן".
פון נעפּל שיילט זיך אויס אַ מענטש
און נאָך אים אַ כאַפּטע ברוינע יונגען.
מיט אויסגעשטרעקטע פייערדיקע צונגען,
ווי הינט
זיי וואַרפן זיך אויף פּעטן ביסן.
צייט צו שיסן.

— טאַטע, דערלאַנג די קוילן!
פֿאַר טייכן יידיש בלוט,
פֿאַר הונגער און פֿאַר פּיין,
פֿאַר דעם געוויין
פֿון שוועסטער און פֿון מאַמעס,
פֿאַר קינדערלעך געשאָכטן אין די וויגן
פֿאַר אַש צעשפּרייטן אויף די וועגן —
אין דער געשענדטער ערד בלייבט ליגן!

✶

אָפּגעהילכט די לעצטע שאָסן,
כ׳בין אויפגעקומען פֿון ביינאַכטיקן קאָשמאַר —
פֿון וועגט האָט נאָך געלויערט אַ געפֿאַר,
נאָר די פרימאָרגן-זון האָט שוין פֿאַרגאָסן
מיט ליכט די בלאַסע שויבן —
און ווידער מיך צום לעבן אויפגעהויבן.

ביי נאַכט אויף דער וואַרשעווער אַלטשטאָט

1

בײ נאַכט אויף דער װאַרשעװער אַלטשטאָט —
װי רויִק און שטיל איז אַרום,
אויף גע‍סעלעך הילכט יעדער טראָט אָפּ,
פֿון פֿענצטער באַגריסט דיך אַ בלום.

די װענט מיט סקולפּטורן באַצירטע,
נאָר שטום איז דער גיפּס און דער שטײן,
בלויז שאָטנס פֿון ערגעץ פֿאַרפֿירטע
דערמאָנען — ביסט דאָ נישט אַלײן.

װען זײ װאָלטן קענען דערצײלן,
די גרויע אַלטשטאָטישע װענט,
װען ס׳װאָלטן די טויערן־הײלן
װי מײלער איצט רעדן געקענט —

װען זײ װאָלטן קענען דערצײלן —
מעג ס׳װאָרט זײערס זײַן איצטער האַרב,
נאָר ס׳װילן די װענט זיך נישט טײלן
מיט סודות אין שטײן אײַנגעקאַרבט.

2

איך גײ אויף מאָסטאָװע און פֿרעטע,
אויף שמאָלן און ברײטן דונאַי —
װי ס׳װאָלטן זיך אויפֿמישן בלעטער
אין בוך פֿון פֿאַרגאַנגענער צײַט.

אַט זענען געהויקערטע הייזלעך,
די ערשטע ביים ווייסלשן ברעג —
דאָ פלעגן זיך מענטשן באַווייזן,
פון וואַנדער פאַרהאַלטן אין וועג.

אַ ישוב פאַרלייגט ביי דער ווייסל,
פון ישוב געוואָרן ז'אַ שטאָט,
פון ליידן געזוכט האָט אַ טרייסט דאָ
דער פראָסטער המון, דער „גאַראָד".

אַ וויפל באַהאַלטן דאָ סודות,
די גרויע אַלטשטאָטישע ווענט,
ווען זיי וואָלטן קענען דערציילן,
ווען זיי וואָלטן רעדן געקענט — — — —

3

קאָן זיין, מיטן וועג, וואָס איך גיי דאָ,
מיט הונדערטער יאָרן צוריק,
געקומען אַהער איז מיין זיידע —
אויף לענדן פאַרצויגן אַ שטריק.

און דאָ, ביי די ווייסלשע ברעגן,
זיין איינזאַמע בויד אויפגעשטעלט,
געוואָלט זיך באַשיצן פון רעגן,
פון שטויב און פון ווינט און פון קעלט.

צי האָט זי אַ שוץ אים געגעבן,
די אַלטע, די וואַרשעווער ערד?
צי האָט זי פאַרהיט אים דאָס לעבן,
זיין תפילה די לעצטע דערהערט?

קאָן זיין, מיטן וועג, וואָס איך גיי דאָ,
און הער מיינע אייגענע טריט,
געגאַן איז געבוינגן פון ליידן
אַן ערשטער, אַ ווארשעווער ייִד?

ווער ווייסט איצטער ווו זיין געביין איז,
ווו זוכן זיין אָנדענק, זיין שפּור?
אפשר פאַרקריצט דאָ אין שטיין איז
דער אָטעם פון אים און זיין דור?

אָ, וויפל באַהאַלטן דאָ סודות,
די גרויע אַלטשטאָטישע ווענט,
ווען זיי וואָלטן קענען דערציילן,
ווען זיי וואָלטן רעדן געקענט — — —

4

איך גיי אויף אַלטשטאָטישע גאַסן,
די נאַכט ווערט אַלץ טונקעלער, שוואַרץ,
פון פינצטערניש טויכט אויף אַ מאַסע —
מיט איר פלאַטערט אויף אויך מיין האַרץ.

און אָט, דאכט זיך, צוימען זיך ברעכן,
אין פלאַמען צעגייט זיך די נאַכט —
דאָס פירט באַלמעלאַכישע צעכן
קילינסקי, דער שוסטער, אין שלאַכט.

צוזאַמען מיט וואָנסן פאַרדרייטע,
עס פלאַטערן פאות און בערד,
און רויט ווערט דער הימל דער ווייטער,
עס ציטערט די פוילישע ערד.

און ס׳דאַכט זיך, איך הער יענעם ציטער
וויברירן איצט אונטער די טריט,
ער האָט דורכן בייזן געוויטער
פון צייטן זיך אַליין נאָך פאַרהיט.

אָ, וויפל מאָל זענען נאָך שפּעטער
געוועזן דאָ עדות די ווענט
פון דונאַי, מאַסטאָווע און פּרעטע,
ווי וואַרשע אין שלאַכט האָט געברענט!

5

אַלטשטאָטישע געסעלעך ליבע,
ווו איז איצטער אייער געדרענג?
איך קוק צו מיין יוגנט אַריבער —
אין האַרצן ווערט אומעטיק, ענג.

איך זע זיך איצט גיין צו דער פּרעטע —
ס׳איז האַרבסט און דער הימל איז בלאָ,
ס׳באַגלייטן אונדז גאָלדענע בלעטער
אין שפּעטער ביינאַכטיקער שעה.

מיר גייען אין צווייען, צעטראָגן,
אַרום איז די בלויקייט און גאָלד —
איך האָב איר געוואָלט עפּעס זאָגן,
איך האָב עפּעס פרעגן געוואָלט.

נאָר פּלוצעם פאַרפעלט האָט מיר אָטעם,
(ביי מענטשן געשעט אָפט אזוי),
געבליבן איז בלויז מיר איר שאָטן,
דער הימל געשמייכלט האָט בלוי.

אָ, וויפל באַהאַלטן דאָ סודות,
די גרויע אַלטשטאָטישע ווענט,
ווען זיי וואָלטן קענען דערציילן,
ווען זיי וואָלטן רעדן געקענט — — —

6

ביי נאַכט אויף דער וואַרשעווער אַלטשטאָט,
ווי רויִק און שטיל איז אַרום,
אויף געסעלעך הילכט יעדער טראָט אָפּ,
פון פענצטער באַגריסט דיך אַ בלום.

די ווענט מיט סקולפּטורן באַצירטע.
נאָר שטום איז דער גיפּס און דער שטיין,
בלויז שאָטנס פון ערגעץ פאַרפירטע
דערמאָנען — ביסט דאָ נישט אַליין.

פאַרשווּנדענע גאַסן

*

ווי גייסטער
איך רוף אייך אַרויס אין זכרון,
קומט ווידער צו מיר און באַווייזט זיך
אין טונקעלער שײַן פון די יאָרן,
וואָס זענען, ווי כוואַליעס, פאַרשווומען,
נאָר ווילן נישט, קאָנען נישט שטומען.

אָ, וואַרשעווער יִידישע גאַסן,
ווי נאַקעטע ביימער צעצווייגטע,
אויף אייערע ברוקן די נאַסע
פון טרערן און בלוט דורכגעווייקטע,
צעווישן פאַרשווּנדענע הייזער
און מענטשן — לאָזט ווידער מיך שפּרייזן.

און אויפלעבן זאָלן די הייזער,
און זאָלן די מענטשן אויך לעבן,
און איך — אַ צעבראָכענער ווייזער,
וואָס קאָן אַלץ דער צייט נישט פאַרגעבן,
וועל אפשר אויף ס'ניי דאָ דערהערן
דעם טיק־טאַק פון אייביקן ווערן.

סטאַווקע

פון מזרח צו מערב-זייט ציט זיך די גאַס,
קיין ביימער, קיין גרעזל, אַ שטיין-גרויער פּאַס

שניידט איבער די דזשיקע און לויפט ווייט אַוועק
העט ביז אָקאַפּאַווע, ווו ס׳פירט שוין דער וועג

צו דעם הייליקן אָרט, און דאָרט איז דער סוף,
דאָרט וועקט שוין נישט קיינער פון אייביקן שלאָף...

נאָר דאָ איז דער שלאָף אַ פאַרשפעטיקטער גאַסט,
ער קומט ערשט נאָך חצות צו פאַרוויגן די גאַס.

ערשט דאַן הערט אויף שטעפּן די שניידער-מאַשין,
די נאָדל בלייבט שטעקן אין דינעם סאַטין,

דער שוסטער אַוועק לייגט די דראַטווע און אָל,
בלויז ערגעץ-ווו הילכט נאָך אַן אומעטיק קול:

„אוי, האָב איך אַ טאַטן, האָט ער אַ פּאָר פערד,
און אפילו שבת אַקערט ער די ערד״...

און דאָ זיצט אַ טאַטע ביים אָפענעם בוך —
אַ טרייסט-וואָרט ביי שלום-עליכם ער זוכט.

אַ ביסעלע ליכט אין דער פינצטערער נאַכט
האָט שלום־עליכם אין שטוב אים געבראַכט.

פאַרמאַכט האָט זיך נאַר־וואָס דער שוסטער־פאַראיין,
די בירזשע הייבט אָן זיך פאַנאַנדערצוגיין,

און ייִנגלעך מיט שאָרסטקע, מאַזאָליקע הענט
באַקלעפּן מיט פּלאַמיקע ווערטער די ווענט — — —

צו מאָרגנס וועט אויפשטיין די גאַס אין דער פרי
און ווידער אַריין אין דער טעגלעכער מי.

ניסקע

עס געדענקט זיך אַ לידל פון איינעם אַ שוטה:
„ראַג ניסקע, ראַג שליסקע
האָט דער רבי פאַרלוירן
אַ האַלבע קישקע״...
נישטאָ יענע ניסקע, נישטאָ יענע שליסקע
און דער ראַג איז נישט קיין מאָל געווען.
געווען זענען הייזקעס פאַרשטעקט הינטער פּלויטן,
מיט לאַטעס, אַזוי ווי אויף קינדערשע הינטנס,
פון קוימענס געשלענגלט זיך רויכיקע צויטן
און ס׳האָבן צו שליסקע פאַרטראָגן זיי ווינטן.

געווען זענען הייזער אויך גרויסע, יחסנים,
נישט זעלטן דאָרט האָט זיך אַ „הייזל״ באַהאַלטן,
נאָר נישט פון זיי האָט באַקומען איר פּנים
די גאַס, וואָס אויף צווייען געלאָזט האָט זיך שפּאַלטן.

אַ „טויטע״ און „ברייטע״ פאַרמאָגט האָט די ניסקע,
אַזוי ווי אַ „שמאָלע״ און „ברייטע״ די מילע —
פאַרשלונגען עס האָבן זיי מערדערישע פּיסקעס
און ס׳איז נישט געבליבן קיין סימן אַפילו.

מוראַנאָוו

דיין נאָמען באַקאַנט איז נישט בלויז פון טעאַטער,
ווו ס׳פלעגט קאָמפּאַנייעץ דעם עולם פאַרווײלן
(געהערט כ׳האָב דערוועגן פון טאַטן דערציילן) —
ער גרייכט אַ סך טיפער, ער גרייכט אַ סך ווייטער,
ס׳האָט „מורדזשעל״ * מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן
דיין אָנדענק אין פנקס פון ארבעטער-וואַרשע,
אין פענער-געפלאַטער פון קאַמפן און מאַרשן —
אַזאַ איז דיין בילד אין זכרון פאַרבליבן.

און נאָך אַ בילד זע איך: דריי פענער — סימבאָלן —
אַ רויטע ביינאַנד מיט ווײס-רויטער, ווײס-בלויער,
זיי שטרעקן ווי העלדזער זיך אויס אויף דער מויער
און רופן דאָס פאָלק עס זאָל מאָנען און צאָלן,
זיי רופן צום אויפשטאַנד פאַרפּייניקטן געטאָ,
די לעצטע, וואָס זענען געבליבן ביים לעבן —
גענוג מיט הכנעה זיך איבערצוגעבן
דעם שונא. אין קאַמף, בלויז אין קאַמף, איז די רעטונג!

און אויב מען מוז פאַלן, און אויב מען מוז שטאַרבן —
איז פאַלן ווי העלדן, איז שטאַרבן ווי קדושים,
אַז אייביק דאָס בלוט זאָל אין לופטן דאָ רוישן
און רוען נישט לאָזן די מענטשלעכע שאַרבנס.

— —

---

* מוראַנאָווער ראַיאָן.

איך הער דעם גערויש ווען איך קום אויף מוראַנאָוו
צעווישן די ליכטיקע נייע געבייען
און כ׳קאָן זיך נאָך אַלץ פון געדאַנק נישט באַפרייען,
אַז דאָס איז אַ שטראָף
ווייל כ׳בין לעבן געבליבן — — —

שמאָלע מילע

— ווייבער פיש!
— ווייבער פיש!
— דריי אַ צענער!
— נישט, איז נישט!
— שיינע פענער!
— שיינע פענער!
— אַ נפקא־מינה,
גרעסער, קלענער...
— דריי אַ צענער!
— דריי אַ צענער!
— צו די עפּל!
— צו די באַרן!
— האַלט דאָס טעפּל...
— גאָלד צו שאַרן...
— וואָס, ר׳ אהרן?
— דריי אַ צענער!
— דריי אַ צענער!
— ווייבער פיש!

— פענער...

— צענער..

— נישט, איז נישט...

אזוי האָט זיך דער טאָג געשטעלט,
אזוי איז ער פארגאַנגען —
דאָ האָט זיך די גאַנצע וועלט
ווי אַ פיש געראַנגלט
אין אַ נעץ און נישט געקענט
פון איר אַנטרינען ווערן,
דאָ האָט אייביק בלויז געברענט
אַן אומגליקלעכער שטערן.

געזשע

וויפל זענען דורכגעגאַן לוויות
אויפן ברוק דאָ, נישט צום איבערציילן,
נישט געווען פאַר קיינעם איז קיין נייעס
אַט דער לעצטער וועג צו די פיר איילן,

וואָס געפירט פאַרביי דער תפיסה־מויער —
זאָלסט אויך דאָרט חלילה נישט פאַרגעסן,
אַז פאַר יעדן מענטש איז גרייט אַ טויער,
וואָס פאַרשליסט זיך הינטער זיבן שלעסער.

נאָר דערוויל, ווי לאַנג מען איז ביים לעבן,
האָט געדרוישט די גאַס מיט לעבן פראָסטן
און דער גרויסער זייגער וואָס דערנעבן
דזשיקע האָט די אומרו־צייט געמאָסטן.

נישט געוווּסט האָט ער, דער אַלטער זייגער
וואָסער צייט ער וועט נאָך דאַרפן ווייזן
פאַר די קינדער, וואָס געיאָגט פון נייגער,
פלעגן אָפּשטעלן ביי אים די שפּרייזן

און די קעפּעלעך די קוטשעראַווע
אין דער הייך צום ציפערבלאַט פאַרהייבן —
וווּ־זשע זענען זיי איצט מיינע זשוואַווע
אויסגעקווילטע קינדער — יונגע לייבן? — — — —

נישט פאַראַן זיי אויף דער געזשע, דזשיקע,
אויף מוראַנאָוו, ניסקע נישט פאַראַנען,
בלויז די טויטע, טרויעריקע בליקן
גייען נאָך מיר — מאָנען און דערמאַנען.

פּאַווע

גערענקסטו די פּאַווע,
דעם „פּאַוויאַק״ גערענקסטו?
דאָרט האָט נישט איין חבר
צו פרייהייט געבענקט און
מיט הענט אויף די קראַטן
פון ווייטיק פאַרקלאַמערט
געטראַכט וועגן טאַטן
און אָרעמער מאַמען,

וואָס זענען געבליבן
פאַראייגזאַמט, פאַראומערט,
און וועגן דער ליבער
דער נאָנטער נשמה,
דעם האַרציקן מיידל
פון מילע, צי דזשיקע,
וואָס האָט אירע ליידן
אין זיך געמוזט שטיקן.

גערענקסטו די פּאַווע,
מיין גאַס צי גערענקסטו,
וואָס האָט ווי אַ לאַווע
געטראָגן די מענטשן

אין טעג פון נצחון
צו שטורמען די מויער
און האָט אין דער וואָכן
באַדעקט זיך מיט טרויער?

איך געדענק גוט יעדן
מינדעסטן שטיין דאָרט.
אָפּט דאַכט מיר זיי רעדן
מיט ווערטער — געוויינען —
דו לאָז נישט פאַרשווינדן
פון אונדז דיינע בליקן,
אויב ליכטער נישט צינדן —
אין ליד גיב אַ תּיקון.

סמאַטשע

אויף איין זייט פון גאַס אַ מלינה,
פון צווייטער זייט גאַס איז אַ שענק,
דאַ, אין דער טרעגער־מדינה,
דער ייִדישער גבורה איז ענג.

קומען אהער ווען די יונגען
פון „נאַרא"* מיט מעסערס אין טאַש,
מיט שיכורע לידער אויף צונגען,
אין קאָפּ איז שוין מער ווי אין פלאַש —

קומען אַ פּרוּוו טאָן די כוחות
אויף ייִדישע רוקנס און בערד —
איז זעלטן פון זיי ווער נאָך זוכה
אַ גאַנצער צו גיין אויף דער ערד.

עס ווייזן דאָן טרעגערשע הענט זיי
דעם כוח פון ייִדישן צד —
נישט בלויז מיט שטריק אויף די לענדן
אַרבעטן קאָן אַ „נאַש בראַט".

ער קאָן אויך, מען זאָל נישט באַדאַרפן,
צעברעכן דעם שונא אַ ביין,
דאָס שיכורע ליד אים צריקוואַרפן
אין שמוציקן גאָרגל אַריין.

---

* פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע אין פאַרמלחמדיקן פּוילן.

און זאָל ער מיט דעם זיך דערשטיקן,
און זאָל ער זיך ווארגן דערמיט,
און זאָל ער זיך פּרוּוון דערקוויקן
מיט אייגענעם קלעפּיקן בלוט.

געענדיקט אזא „שטיקל ארבעט",
ווערט פול אויפן ראָג אין דער שענק
און ווערטער עס פאַלן דאָ הארבע —
דער יידישער גבורה איז ענג.

נאַלעוקעס

פון פאָרנט אַ שניט־קראָם, פון הינטן אַ שטיבל,
און אומעטום ייִדן, עס שווּבלט און גריבלט,

מען איילט זיך, מען יאָגט זיך, עס פלאַטערן פּאָלעס,
מען ווינטשט זיך, מען בענטשט זיך און ס׳שיטן זיך קללות,

מען שליסט אָפּ געשעפטן אויף מאהם און גראָשנס
און ס׳מישן זיך אוים דאָ פאַרשידענע לשונס:

דער ייִדישער דייטש פונעם וויטן גאַליציע,
די שפּראַך, וואָס אין פּוילישע פעדערן פּוצט זיך,

דער ייִדיש פון ליטוואַק, וואָס קומט פון די קרעסן —
און ס׳ווערט גאָר נישט קיינעם דערווידער, דערעסן,

אויף ס׳ניי זיך איינאַנדערן איבערצושפּאָרן
און פּרוּוון זיך איינער דעם צווייטן צו נאַרן.

מען קלאַפּט זיך אין האַרצן, מען האַלט אין איין שווערן:
„איך וויל נישט פאַרדינען, כ׳גיב אָפּ פאַרן קרן".

„איך וויל אַ „פּאַטשאַנטעק" נאָר מאַכן און ווייטער
וועט זאָרגן דער בורא שוין —
אונדזער פאַרגרייטער" — — — —

אַזוי יאָגט איין טאָג דאָ אַריבער דעם צווייטן,
און ס׳רעדל אויף נאַלעווקעס דרייט זיך און דרייט זיך.

דזשיקע

פון פינצטערע גאַסן,
פון קויטיקע ליקן,
געשטראַמט האָט די יוגנט
צו ליכטער פון דזשיקע.

דאָ האָט מען געטראָפן
אַן אַלטן באַקאַנטן,
וואָס איז ערשט געקומען
פון היימישע קאַנטן
און האָט נאָך געטראָגן
אויף זיך, ווי אַ בלעטל,
דעם טוי פון באַגינען
אין יידישן שטעטל.

אַ בחור באַגעגנט
האָט דאָ זיין דערוויילטע
און ער האָט געפירט זי
דורך לענדער און צייטן,
דורך פּלאָנטער פון ביכער
אַהין און צוריק,
נאָר נישט געקאָנט פירן
צום אייגענעם גליק.

אַ חבר האָט שטיל דאָ
אַ צווייטן באַגעגנט,
פּאַרטרויט אויפֿן אויער
אַ סוד, זיך געזעגנט
און באַלד צו אַ דריטן,
אַ פּערטן אַוועק —
די גאַס האָט גענומען
זיך רייסן פֿון ברעג.

אַ כוואַליע אַרויס איז
פֿון די טראָטואַרן,
אַוועקגעשטראָמט האַסטיק
אַנטקעגן געפֿאַרן —
די יוגנט מאַרשירט האָט
מיט ליכט אין די בליקן,
מיט פֿאָנען-געפֿלאַטער
געררישט האָט די דזשיקע.

*

ניטאָ מער, ניטאָ מיינע גאַסן,
ניטאָ מיינע וואַרשעווער ייִדן —
און איך עס נאָך ברויט און טרינק וואַסער
און ס׳טרעפט, אַז איך בין אויך צופרידן —

און כ׳ווער נישט דערשטיקט מיטן ביסן,
דער טרונק בלייבט אין קעל מיר נישט שטעקן,
דאָס האַרץ ווערט אין ברוסט נישט צעריסן,
פון שלאָף קומט מיך קיינער נישט וועקן.

ניטאָ מער, ניטאָ מיינע גאַסן — — — —

דאָס קריגעלע ליד

אין תהום פון שווייגן

אין תהום פון שווייגן
איז דאָס וואָרט אַ ליכט־סיגנאַל,
וואָס מיניעט זיך מיט אַלע פאַרבן
פון אויפגאַנג און פאַרגאַנג,
נאָר דו קאָנסט צו דעם נישט גרייכן —
ווי לאַנג
אַ פאַלשקייט־נעפּל
הילט אַרום דיין אייגן וואָרט.

אין תהום פון ווערטער
איז דאָס שווייגן אַ געזאַנג,
וואָס מיניעט זיך מיט אַלע קלאַנגען
פון דער וועלט,
נאָר דו קאָנסט צו זיי נישט גרייכן —
ווי לאַנג
דער אמת האָט נישט
אויפגעהעלט.

וואָס וועט בלייבן?

וואָס וועט גיין מיט אונדז פאַרלוירן?
אַלע טרערן,
טרויערן,
און טענות,
וואָס מיר טראָגן פון געבוירן,
אַלע ווייען,
ווונדן,
און געוויינען
נישט פאַרהיילטע,
אַלע זינד —
די גרויסע
און די קליינע —
נישט געציילטע.

און בלייבן וועט?
אַ שמייכל אפשר,
וואָס איז אומבאַמערקט פאַרפלויגן
און געבליבן הענגען
אין אַ נאָענט־ווייטנס אויגן.

אייביקייט

אויסגעריסן מיטן וואָרצל איז דער בוים
און ער לעבט
און קוקט נאָך אַלץ דערשטוינט,
ווי דער הימל שוועבט,
פֿאַלנדיק פֿאַרוווּנדעט צו דער ערד
און שיט פֿאַנאַנדער זיינע בלעטער — שטערן,
און ער הערט,
וואָס ס׳קאָן דער גאַנצער וואַלד
נאָך נישט דערהערן —
דעם רויש פֿון צייט,
וואָס באַלד
ער וועט פֿון איר אַ ברוכטייל ווערן —
אייביקייט.

דער זייגער גייט

די טעג און נעכט —
זיי שטעלן
זיך נישט אָפּ
ביי קיין שום שוועלן.
דער זייגער גייט
און ס'גייט דער בייט
פון יאָרן,
ווי עמעצער וואָלט אָנגעדרייט
די צייט
און די ווייזערס אין זכרון
אָנגעשטעלט
אויף אייביקייט,
אויף נישט פאַרגעסן
און אויף זען די ווייט,
וואָס וועט אַריבער אַלע שוועלן
און העלן, העלן.

דאָס קוועלעכל ליכט

דאָס קוועלעכל ליכט,
וואָס צאַנקט און פלאַמט אויף
מיט אַלע קאָלירן
און רופט צו זיך
פון נאָענט און ווייט —
צי וועט עס מיך פירן
צו פרייד?

אין קוועלעכל ליכט,
ווען כ׳וועל טרעפן צו אים,
איך קאָן אויך פאַרזינקען,
צערינען
און מער זיך אַליין,
אַפילו מיין שאָטן
שוין נישט געפינען.

צי זאָל איך דערפאר אויפהערן גיין
צו דער שיַין?

פון אַלץ וואָס כ׳האָב ליב

פון אַלץ, וואָס כ׳האָב ליב,
איז מיר ליבער
דער טאָג,
וואָס וועט קומען —
דער סוד,
וואָס אין אים זיך באַהאַלט.
איך גיי אים אַנטקעגן
מיט בלומען
פון יוגנט,
אויף וועלכע
זיין שאָטן שוין פאַלט.

איך גיי אים אַנטקעגן
מיט אומרו
און רו
און שפיר אָפּ
זיין טוי שוין,
כאָטש כ׳וויים —
ער קאָן אויך אַנטווישן,
אַזוי ווי אַ פלעמל,
וואָס מיניעט פון ווייטן,
איך וועל אים
אויף נעכטיקער נאַכט
נישט פאַרבייטן.

דורכזיכטיק

דאָס וואָרט איז דורכזיכטיקער פונעם מענטש,
וואָס פרווט זיך אונטער דעם באַהאַלטן
אין פאַרשידענע געשטאַלטן
און בלייבט אַלע מאָל דער זעלבער
נישט דערקענטער ביזן גרונט.
נאָר אויך דאָס דורכזיכטיקע וואָרט
נישט לייכט איז צו דערקענען,
ווען שטאָט לעשן, נעמט עס ברענען,
און לאָזט איבער ערגעץ ווו
אַ נישט פאַרהיילטע ווונד.

דער פּאַראַיאָריקער שניי

דער פּאַראַיאָריקער שניי —
ער אַרט מיך שוין דווקא,
עס טוט נאָך אַלץ ווײ
זײַן שנײדיקער בלענד.
צוזאַמען מיט אים
נאָך אַ טרוים איז פאַרפלויגן,
נאָך אײן פוסטקייט געבליבן
איז פאַר די אויגן,
וואָס האָבן שוין מער
זיך אַלײן נישט דערקענט.
גײ איך אום איבער וועלט
און נישטער און זוך אים,
דעם שניי, וואָס געהעלט
האָט מיט יוגנט און פרייד
און כ׳פיל נישט, ווי צייט
גייט פאַרבײ אויפן זוכן
דעם טרוים, וואָס געבליבן כ׳בין טריי —
דעם שיינעם, דעם ריינעם,
דעם פּאַראַיאָריקן שניי.

טראַנספּלאַנטאַציע

אַלע אבֿרים
הערן אײַן זיך אינעם קלאַפּן
פֿון דעם פֿרעמדן האַרץ,
וואָס איז געוואָרן אייגן
און זיי שווײַגן.

פּאַרטײַיעטע
זיי וואַרטן אויפֿן לעצטן קלאַפּ
און ווייסן נישט,
אַז ער וועט אָנזאָגן
אויך זייער
סוף.

אָ, גאָט,
זיי דאָס מאָל כאָטש דערבאַרעמדיק
און נעם נישט צוריק
דאָס לעבן,
וואָס דו האָסט נישט געגעבן.

אומרו מיינער

אומרו מיינער, אומרו דו,
לאָז אַ ווײַלע מיך צורו,
כ'וועל אַרוים פֿון זיך אַליין,
אין אַ ווינקל בלײַבן שטיין
און פֿאַרנעמען דײַן געוויג —
טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק — — — —

שטיין אַזוי איך וועל נישט לאַנג,
ווי אין ווינט אַ קראַנקע זאַנג —
בייגן זיך צו מאַמע־ערד,
הערן ווי אויך דאָרטן ווערט
אָן דײַן טיק־טאַק שווער די רו —
אומרו מיינער, אומרו דו.

לעבן מײַנעם דו באַגלייטסט,
מעסטנדיק דעם לויף פֿון צײַט,
מעסטנדיק דעם פּלום פֿון בלוט
יעדע רגע און מינוט.
לאָז זשע מיך אַ ווײַל צורו —
אומרו מיינער, אומרו דו.

מיר האָבן זיך געמיטן

מיר האָבן זיך אין גאַס געמיטן,
ווי מיר וואָלטן קיין מאָל זיך געקענט,
און געבליבן הענגען איז אין מיטן
אונדזער בליק פאַרשטיינערט און פאַרשעמט.

אַ בליק נישט מער. אַ בליק? — אַ לעבן.
נאָר געפינען ווידער איז אים שווער.
איצט גיי איך דאָרט פאַרביי דערנעבן
אַזוי פיל בליקן — און ס'איז לער.

אויב נישט דאָס לעבן — איז בלויז דעם בליק
אַרויסרופן כ'וויל פון פאַרגיין,
נאָר קיין זאַך קומט מער נישט צוריק
און בלייבט נישט שטיין.

ווייט האָט די כוואַליע

ווייט האָט די כוואַליע פאַרטראָגן מיין ליד,
געפּרוּווט עס אין שטורעם צעברעכן,
אויף שטויבעלעך האָט זי די פערזן צעשיט,
נאָר איך הער נאָך אַלץ זייער עכאָ.

זיי קומען צוריק מיטן פליעסקען פון ים
אינעם גאָלדענעם זאַמדבערג פאַרלוירן,
און ווידער איך פיל אויף די ליפּן דעם טעם
פונעם וואָרט, וואָס אין בלוט איז געבוירן.

*

דין, דינער נאָך פון דין,
די האָר אומזעבאַרע,
וואָס האַלט מיך אויף
צווישן נעכטן און דעם היינט,
און איך גיי אום אויף איר,
ווי אַ שטריקשפּרינגער אין צירק
מיט וואַקלדיקע טריט
און נאַר אָפּ דעם אַרום,
ווייל פאַלן כ'וועל —
אַרויף,
אַלץ העכער, העכער.
צי וועל איך אָבער נישט אַליין
בלייבן דער געגאַרטער?

אַ צווײַג

איך האָב געזען אַ צווײַג
וואָס האָט פֿון שטאַם זיך אָפּגעריסן
און געבליט,
אַ וווּנדערלעכע צווײַג —
זי האָט אַליין זיך אין דער ערד פֿאַרוואָרצלט.

און געזען האָב איך אַ בוים,
אַ שטאָלצן בוים,
וואָס איז אין מיטן זומער
געשטאַנען ווי אַן אבל
און געוויינט אויף צווײַג פֿאַרלוירענער.

ער האָט נישט געוווּסט
דער בוים,
אַז די צווײַג וועט אים אַריבערוואַקסן.

דאָס קריגעלע ליד

דאָס קריגעלע ליד
געטראָגן כ׳האָב לאַנג
ביז ס׳האָט זיך דאָס אויער
אָפּגעריסן
און די ווערטער צעשאָטן.
גיי איך אום איבער דער ערד
און זאַמל וואָרט ביי וואָרט —
פאַרלוירענע פּערל.
אפשר האָסטו ווו געזען אַ וואָרט
פון מיין נאָך נישט געבוירן ליד?

יאָרן גייען

יאָרן גייען, יאָרן קומען,
יאָרן, יאָרן, עד די יאָרן!
ווי די כוואַליעס זיי פאַרשווימען,
נאָר אַלץ פאַרקאַרבט זיך אין זכרון.

האָפנונג

האָפנונג איז די מוטער פון נאַראָנים.
נאָר איך וויל בעסער האָפנונג עכטע,
איידער שוואַרצזעער גערעכטע
מיט קלוגשאַפט פאַלשער אויפן פנים.

מיין יחוס-בריוו

נישט פון יִדן-דעמבעס שטאַם איך
און נישט פון זיצער אין די קלויזן —
איין זיידע האָט געלאַטעט שיך,
דער צווייטער — הויזן.
און די עלטערזיידעס ?
ווער קאָן וויסן.
זיי האָבן נישט געלעבט אין פריידן
און זיכער נישט געהאַט קיין איבעריקן ביסן.

דער טאַטע איז געוועזן עמך שער-און-אייזן,
מיט נאָדל ניצעווען געוואָלט די וועלט,
אַרויסשטעכן פון איר די גרייזן,
וואָס האָבן אַלע אמתן פאַרשטעלט.
די מאַמע קוים געקענט האָט שרייבן —
אַ יִדענע אַ פשוטע געווען,
קאָן זיין, אַז אירע שטילע ליידן
האָבן מיך באַרופן צו דער פען.
געבליבן איז אָבער דער פונק פון טאַטן —
ניצעווען די וועלט.
מיט וואָרט אַרויסשטעכן די אַלטע לאַטעס
כל זמן איין אמת כאָטש איז נאָך פאַרשטעלט.

אין דמיון פאַרזיגלט

אין אַ וועלט פון חלום

און איך בין שוין אַ פופציקער געוואָרן —
אַ דערוואַקסענער? אַ קינד? ווער ווייסט? —
איך גיי נאָך אַלץ אַרום אויף וועלט פאַרלאָרן,
אַלץ זעט אוים מיר חידושדיק און ניי.

דער בוים, וואָס רוישט און ווינט מיט זיינע צווייגן,
דער טייך — פון ברעג ביז ברעג פאַרקלעמט,
ווי ער וואָלט אין זיין פליסטער און אין שווייגן
פאַר זיין שפּיגל זיך אַליין פאַרשעמט.

די בערג, די טאָלן און די גרינע גראָזן,
וואָס וואַשן זיך אין טוי יעדן פאַרפרי,
דער טאָג, וואָס האָט ערגעץ די נאַכט געלאָזן
און גייט איצט אויף מיט זוניקן צעגלי.

די ערד, דער הימל און די וויַיטע שטערן,
און דער מענטש, דער הויפּט־סוד פון באַשאַף,
וואָס וויל אַליין איצט דער באַשעפער ווערן,
נאָר זיין מי האָט אַלץ נאָך נישט קיין האַפט.

איך לעב כסדר אין אַ וועלט פון חלום,
וואָס איז מיר ליבער ווי אַ יעדע וואָר —
איז וואָס, אַז ס׳נעמט די עלטער זיך שוין מאָלן
אויף די ערשטע פאַסמעס גרויע האָר?

אין דמיון פאַרזיגלט

די גרויקייט דערמאָנט מיך אין ווייטע פארנאַכטן —
דער אָרעמער הויף אין אַ נעפּל פאַרהילט,
ס׳האָט יאַנעק די טויבן אין שטייגל פאַרמאַכט שוין,
נאָר איך בין נאָך אַלץ מיט די טויבן אין פלי.

איך טראָג זיך אַרום אויף די זילבערנע פליגל
אין הימלען אַריבער די וואָלקנס, און אַלץ
אויף אייביק פאַרבלייבט אינעם דמיון פאַרזיגלט —
און ס׳צאַפּלט און ציטערט דאָס קינדערשע האַרץ.

די ערד אונטער מיר, דאַכט זיך, ווערט עפּעס לייכטער,
וואַקלט זיך, הייבט זיך, פאַלט ווידער צוריק,
ווי זי וואָלט נישט קאָנען פאַרגינען מיין גרייכן
אין הימלישע ווייטן מיט קינדערשן בליק.

אַזוי בין איך דעמאָלט אין הויף דאָרט געוואַקסן —
די ערד אַ צעהוידעטע אונטער די טריט
און לויטערע הימלען אַריבער די אַקסלען,
און איך — אַ פאַרבלאָנקעטער ייִד אין דער מיט.

געזוכט כ׳האָב אַ זיכערן פונקט אויף דער ערד דאָ,
וווּ קאָנען איך זאָל זיך פאַרהאַלטן אין רו,
און ערלעכער ווייטערגאַנג זאָל מיר נישט שווער זיין,
נאָר ווידער פאַרבלאָנדזשעט איך האָב ערגעץ־וווּ.

דעם טאַטנס ניגון

אין שול אַריין צום ערשטן מאָל
געפירט האָט מיך דער טאַטע,
און כדי נישט וויינען כ׳זאָל
ווען ער׳ט מיך דאָרט באַשטאַטן

האָט ער מיר וועגן זיך דערציילט,
פון זיינע קינדער־יאָרן,
ווי ער האָט זיך אַ מאָל געאיילט
צום חדר אויפן גאָרן,

וואָס איז געווען אָנגעפילט
מיט יינגעלעך פאַרשייטע,
וועמענס ניגון האָט זיך מילד
געטראָגן אין די ווייטן.

און שפּעטער האָט דער ניגון אים
באַגלייט אויף אַלע וועגן,
גלייך ער וואָלט פאַרוויגן אים
אין שטורעם און אין רעגנס.

איך האָב געהערט דעם טאַטנס רייד
אין חלומדיקן וואַכן
און פלוצעם האָט אַ שטילע פרייד
אין שול אַריין געבראַכט מיך.

און היימיש איז געווען דאָרט
און גוט אַזוי צו הערן
מיין טאַטע-מאַמעס יִדיש וואָרט
אין מויל פון יעדן לערער.

און אָפט מאָל האָט זיך מיר געדאַכט —
ס'איז גאָר דעם טאַטנס ניגון,
ער האָט אויף ס'ניי אין מיר דערוואַכט,
נאָר נישט אויף צום פאַרוויגן;

צום ווערן הייליק אָפּגעהיט
אין נאָמען פון אונדזביידן,
צום געבן אים אַ זין אין ליד —
מיט נייוואָרט אים באַקליידן.

מיין לידערלאַנד

עס האָט דער טאַטע מיך געפירט
אויך אין פּאָעזיע־היכל,
געעפנט טיר און טויער מיר
צו די געהיימע צייכנס
אין ווערטער־שורות אויסגעשטעלט
מיט ווונדערלעכע קלאַנגען,
און ס׳האָט די ניי־אַנטפּלעקטע וועלט
אויף אייביק מיך געפאַנגען.

געבלוטיקט כ׳האָב אין „שחיטה־שטאָט",
„די וואַנט" איך האָב געבראָכן,
געראַנגלט זיך מיט מענטש און גאָט,
די פינגער זיך צעשטאָכן
„ביים פרעמדן חופּה־קלייד";
געוואַנדערט איבער שטעג און וועג,
זוכנדיק אַ שטראַל פון פרייד
ערגעץ־ווו „אויף יענעם ברעג".

אַזוי איז מיר דאָס יִדיש ליד
געוואָרן בלוטיק־אייגן,
און דאָס, וואָס האָט אין מיר געגליט,
כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרשווייגן.
ס׳האָט אפשר אָפּגעקלונגען גרוי
מיין שטימע — ערגעץ אויפן ראַנד,
נאָר בלויז צו דיר כ׳האָב זיך פאַרטרויט
מיין לידערלאַנד — מיין פאָטערלאַנד.

געבליבן איז דער ווײ

מאַמע מײַנע, האַרציקע,
מאַמע מײַנע, ליבע,
איך געדענק דיך ווי אין טרוים
אַ קראַנקע און אַ מידע.

האָסט דײַן ווײ געטראָגן שטאָלץ,
אַז מיר זאָלן נישט ווייסן,
ביז ס׳וועלן די אויגן זיך
אויף אייביק בײַ דיר שליסן.

יונג ביסטו פֿון אונדז אַוועק
שטיל און ווי געלײַטערט,
נאָר געבליבן איז דער ווײ
מײַן שטענדיקער באַגלייטער.

מיט אים בין איך — אַ ייִנגל נאָך —
גיכער רײַף געוואָרן,
אַ, דער מאַמעס שטילער ווײ —
מײַן ברענענדיקער דאָרן.

כ׳האָב אַדורכגעטראָגן אים
דורך פֿינצטערניש און פֿלאַמען,
און אַזוי שוין ביזן סוף —
מאַמע מײַנע, מאַמע.

ווי אַ קין־צייכן

מיר זענען געפאַלן און געמיינט — מיר שטייגן,
פריי געווען אַזוי ווי פייגל אין די שטייגן,

קרישקעס האָבן מיר פון פרעמדע הענט געגעסן,
אַלץ געדענקט, נאָר בלויז אין זיך אַליין פאַרגעסן.

און ווען אויפגעוואַכט אַ מאָל האָט דער זכרון,
זוכנדיק די שיין, וואָס איז געגאַן פאַרלאָרן,

האָבן מיר געפרוווט מיט ווערטער אים פאַרטויבן
און אַליין זיך פון פאַרגאַנגענהייט באַרויבן.

מיר האָבן געוויגט אינעם טיפן שווייגן,
שטאָלץ געווען און יעדן טאָג געמוזט זיך נייגן,

כורעים פאַלן פאַר די פאַלשע פרעמדע געטער,
בעת נישט אויפגעהערט זיי האָבן פון אונדז שפּעטן.

פון דעם אַלץ געבליבן זענען שאַרפע ווונדן,
איינגעשניטענע אין האַרץ נישט צום פאַרשווינדן.

און פאַרמשפּט זענען מיר די ווונדן טראָגן,
ווי אַ קין־צייכן ביזן סוף פון טאָגן.

און אויך נאָך דעם וועט דער צייכן שוועבן —
הענגען איבער אייגן אומגעבראַכטן לעבן.

„חנהלעס אייגעלעך"

כ'האָב ליב געהאַט „חנהלעס אייגעלעך" *
און חנהלעס אייגעלעך אויך
פאַרוועלקט האָבן „חנהלעס אייגעלעך"
און חנהלעס — אַוועק מיטן רויך.

געוועזן אויך רויזעס און אַנדערע בלומעס,
וואָס האָבן געפאַנגען מיין האַרץ.
זיי שוועבן איצט אום אין אַ וואָלקן פון אומעט,
דערפאַר איז מיין טאָג אַזוי שוואַרץ.

אויך היינט בליִען „חנהלעס אייגעלעך"
און רויזן זיך וויגן דערביי,
נאָר מיינע געשאָכטענע פייגעלעך
טוען נאָך אַלץ אַזוי וויי.

---

* אַ בלום.

פריידל

בלויע אויגן, בלאָנדע האָר, אַ פּעפּערל ביים נאָז —
פראַנקע.
פאַר וואָס האָט זי באַהערשט, פאַר וואָס,
אונדזערע געדאַנקען?

געווען איז זי ווי אַנדערע
שיין און איידל,
נאָר גוט געווען איז וואַנדערן
בלויז מיט אונדזער פריידל.

דעם ברוק געגלעט האָבן די טריט
פון אירע פּיס די שלאַנקע.
געדאַכט האָט זיך — ער זינגט אַ ליד
צו פראַנקען.

און ווען געפלאַטערט האָט אין ווינט
איר קליידל —
אָ, שטראָף אונדז איצט נישט פאַר די זינד
פריידל.

פאַרפלאַטערט האָט זי ערגעץ ווייט
פראַנקע — פריידל.
און אַוועק איז אויך די פרייד
מיט אונדזער מיידל.

געבליבן זענען ווונדן

אָפּגעליבט און אָפּגעלעבט,
אָפּגעשטורעמט, אָפּגעשוועבט,
אַלץ, דאַכט זיך, פאַרשוווּנדן.
אָפּגערוישט און אָפּגעגלייבט,
און פון אַלץ זיך אָפּגעשטויבט —
געבליבן זענען ווונדן.

געבליבן איז אין איינזאַמקייט
לעכצן נאָך אַ טראָפּן פרייד
און בלייבן — אָפּגעזונדערט.
און גיין פאָרויס, און גיין צוריק
און צאָלן פאַר דעם פאַלשן גליק
פון אַ האַלב יאָרהונדערט.

איך רוף דיך...

געהייליקט דעם אָנדענק
פון מיין שוועסטערס קינד
בני זילבער
געפאַלן אין דער
יום־כיפור־מלחמה 1973
אויפן סיני־פראָנט

איך רוף דיך פון דער מיטן נאַכט —
בני, קינד מיינס, ברודער!
און ס'ענטפערט מיר אַן עכאָ שוואַך —
בני איז נישטאָ מער — — —

איך רוף דיך פונעם מיטן טאָג —
בני, קינד מיינס, ברודער!
און ס'ענטפערט מיר דער ווינט מיט קלאָג —
בני איז נישטאָ מער — — —

אַוועק איז ער אַנטקעגן בראַנד,
אַזוי ווי ר'האָט געשוואָרן —
באַשיצן ס'לעבן פונעם לאַנד,
וואָס איז אים היים געוואָרן.

געהויערט האָט אויף אים דער פלאַם
פון אַלע בייזע שייטערס,
וואָס געברענט האָבן מיין שטאַם
און ווילן ברענען ווייטער.

איז ער פאַרלעשן אים געגאַן
מיט אייגן בלוט דעם יונגן,
נאָר ערגעץ אינעם מדבר־זאַמד
האָט אים דער פלאַם פאַרשלונגען.

און איך זע אַלץ נאָך ווי ער גייט —
ס'דערווייטערט זיך זיין שאָטן.
ווי ער וואָלט פון דער אייביקייט
די שוועל איבערגעטראָטן.

איך זע און רוף אים פון דער נאַכט —
בני, קינד מיינס, ברודער!
און ס'ענטפערט מיר אַן עכאָ שוואַך —
בני איז נישטאָ מער — — —

לאָמיר אויפהייבן דעם כוס

מיר'ן אויפהייבן דעם כוס היינט, טייערסטע,
אינגאַנצינקן אַליין.
עס וועלן מער די פריינד די טרייעסטע
נישט קומען שוין צו גיין.

דער גורל האָט צעשפּריייט זיי אין די שייערן
פון אַלע עקן וועלט,
נאָר זיי האָבן ביי מיניענדיקע פייערן
זיך נישט באַפרייט פון קעלט.

דער גורל? ניין, דאָס האָבן הינט צעוואָיעטע
געיאָגט זיי אין דער ווייט.
און ווען זיי זענען אַוועק פאַרטרויערטע —
ווער האָט זיי באַגלייט?

וויינענדיקע ווערבעס — די מיט צוואַנג געבליבענע
פאַראייניזאַמטע אין טאָל.
און אותיות יידישע, מיט בלוט געשריבענע,
אויף מצבות פון אַ מאָל.

שטייען היינט דאָרט די מצבות איינזאַמע,
פון אותיות טריפט דאָס בלוט.
ווער וועט אין דער אייביקייט זיי איינזאַמלען
פון אונדזער פיין און מוט? —

אַזוי עס פרעגן בריוו פון ניי־באַזעסענע
אין אַלע עקן וועלט —
פעדעם, וואָס פאַרהיטן פון פאַרגעסעניש,
דערוואַרעמען אין קעלט.

איז לאָמיר אויפהייבן דעם כוס היינט, טייערסטע,
איינגאַנצינקן אַליין.
פאַר די פריינד די ווייטע און געטרייעסטע,
וואָס וועלן דאָ נישט זיין.

איך בין אַרויס פון רויך און פייער

איך בין אַרויס פון רויך און פייער
מיט ברענענדיקן ליד אויף ליפּן,
וואָס רייסט זיך פון פאַרקלעמטע ציין,
און ווי אויף באַרגוועגן אַ גייער,
וואָס וויל דעם תהום אַריבערהיפּן
און בלייבט פאַר אים אַ רגע שטיין
אין ווייטקייט וועגנדיק די בליקן —
איך וויל די צייט אַריבערהיפּן,
וואָס כ׳האָב געלאָזן ערגעץ ווייט.
נאָר זי פּרוּווט אַלץ נאָך מיך דערשטיקן,
און בייסט זיך איין אין מיינע ריפּן,
ווי אַ הונט אַראָפּ פון קייט.

כל-זמן אָבער אַ פונק נאָך טליִעט
פון ליד, וואָס כ׳האָב מיט זיך פאַרנומען,
מיין וואָרט קאָן ווידער ווערן פלאַם
און אויפגיין, ווי די זון נאָך שקיעה,
וואָס איז אויף ס׳ניי אַרויסגעקומען
פון האַרצן טיף, ווי פון אַ ים.

אָ, ליד — מיין ברענענדיקער שייטער,
פיר פאָרויס און לייכט מיר ווייטער.

אינהאַלט

גירוש פוילן

✶ (די ערד באַגלייט אונדז מיט געוויין) . . . 7
✶ (אַז ס'וועט נישט בלייבן מער קיין ייִד) . . . 8
✶ (בלייבן וועלן בלויז בית־עלמינס) 9
איך האָט געוואָלט 10
פאַר וואָס ? 12
ווער ? 14
ווי ראָבן 15
צו פוילן (1) 16
צו פוילן (2) 18
פוילישע ייִדן 20
איך האָב אַרויסגעריסן 23
ביים שיידוועג 24
שאָטנס 25
שאָטלאַנד 26
די אָוונטן ווערן אַלץ שטילער 27
איך קאָן זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען . . . 28
משה 29
דוד 30
ECCE HOMO 31
מיין שטערן 32
וועגן מיינע 33
איך האָב אַ חשבון 34
לאָז מיך 35
דערמאנונג 36
אומעט 37
אַ צווייג אין ווינט 38
פשוט אַ ייִד 39
אַ ייִד צווישן ייִדן 40
כנרת 41

אין טאָל פון טויט

די פאַרבראַכענע העגט פון מיין מאַמען . . . 45
געבעט צו דער מאַמען 46
מיין זיידע 48
מאַלצייט 49

אַ בוים אין געטאָ 50
יעדער שטיין 52
די גאַנצע ערד 54
און גיין מיר וועלן ווידער 55
ביים געטאָ־דענקמאָל 56
✶ (באַלד וועט זיך פאַרלעשן) 57
אין יענער נאַכט 58
אין טאָל פון טויט 60
ביים דענקמאָל־שוועל 62
דער לעצטער וועג 64
קינדער קומען מיר צו חלום 65
דאָס קליידעלע פון אוישוויץ 68
דער וועג צוריק 71
איך וויל פון דעם אומעט אַנטלויפן 72
מיין קינד וויל גיין צו גאַסט 73
לאַכן איז געזונט 74
מיר איז גוט, איך בין אַ יתום 76
✶ (צום אָנדענק פון שמואל האַלקין) 78
איך האָב דיין קעלערשטוב 80
✶ (אַזוי איז שוין מיין דור באַשערט) 81
קוזמיר 82
אויף געסעלעך קרומע 83
אויף אייביקייטן 84
זיי 85
זיי גייען שוין ווידער 86
טריט 87

אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום

אין טאָל פון דיביינער 91
אַזוי האָט גערעדט אין מיין חלום 95
באַלאַדע וועגן משה טשאַמפּעל 97
וואַכנאַכט 101
ביי נאַכט אויף וואַרשעווער אַלטשטאָט . . . 106

פאַרשווונדענע גאַסן

✶ (ווי גייסטער 111
סטאַווקע 112
ניסקע 114
מוראַנאָוו 115
שמאָלע מילע 117
גענשע 119

פאַווע 120
סמאַטשע 122
נאַלעווקעס 124
דזשיקע 125
✶ (נישטאָ מער) 127

דאָס קריגעלע ליד

אין תהום פון שווייגן 131
וואָס וועט בלייבן 132
אייביקייט 133
דער זייגער גייט 134
דאָס קוועלעכל ליכט 135
פון אַלץ וואָס כ׳האָב ליב 136
דורכזיכטיק 137
דער פאַראיאָריקער שניי 138
טראַנספּלאַנטאַציע 139
אומרו מיינער 140
מיר האָבן זיך געמיטן 141
ווייט האָט די כוואַליע 142
✶ (דין, דינער נאָך פון דין) 143
אַ צווייג 144
דאָס קריגעלע ליד 145
יאָרן גייען 146
האָפנונג 146
מיין יחוס־בריוו 147

אין דמיון פאַרזיגלט

אין אַ וועלט פון חלום 151
אין דמיון פאַרזיגלט 152
דעם טאַטנס ניגון 153
מיין לידערלאַנד 155
געבליבן איז דער וויי 156
ווי אַ קין־צייכן 157
„חנהלעס אייגעלעך" 158
פריידל 159
געבליבן זענען ווונדן 160
איך רוף דיך 161
לאָמיר אויפהייבן דעם כוס 163
איך בין אַרויס פון רויך און פייער 165